STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10377

DOS VAYSE HOYZ

Sholem Shtern

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-10377-2

D:\YIDDISH\TITLES\9780657103774T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

שלום שטערן

דאָס ווייסע הויז

שלום שטערן

דאָס ווייסע הויז

פארלאַג ניו־יאָרק

SZULEM SZTERN

DOS WAJSE HOJZ

רעד.: ד. ספאַרד
הילע: ערבאָוו
טעכנישער רעדאַקטאָר: ש. ליכטענשטיין

Copyright © 1967 by ICUF

Printed in Poland

Wydawnictwo „Idisz Buch" Warszawa, Nowogrodzka 5

Prasowe Zakł. Graf. RSW „Prasa", Al. Jerozolimskie 125/127. Zam. 1785.

טייערע סאָניע, זאָל דאָס בוך דיר איבערגעבן
פון דער ליבע, וואָס טוט איר ליכט
אין מיין הארץ וועבן.
די ליבע מיט איר לויטערער שיין
אין הארץ איז אריין.
אין די פרי=פלאקערדיקע פארטאָגן
די בענקשאפטן מיך טראָגן
צום וואלד, וואָס שטראלט
ביים שטילן, דאָרפישן וועג,
ווו עס רוישט די פרייד
פון ווייטע, יונגע טעג.

די זון גייט אויף פעלדזנשטיין.
פון די שטייניקע וועגט לויפט
דאָס וואסערל קאלט און ריין.
די ביימער העלן אין הימלדיקן בלוי.
אין דער גרינער טיף פון די טעלערדיקע בלעטער
בלענדן די צעזונקטע פערל פון זילבערנעם טוי.
פרייד פון גארונג און אויפגלי פון וונדער.
די ליבע לייטערט זיך אין ליכטיקן באזונדער.

גליק פון טרוים אין הארצן איז פאראנען.
לאָמירביידע שפאנען
צום גרויסן טאָג פון פרידן, וואָס פון בראשית
ער ווערט פון די פעלקער באגערט.
פאר מלחמה וועט קיינער מער
קיין אייזן נישט שמידן.
קיינער וועט נישט מער שלייפן
פון שטאָל די שווערד.
דאָס קאָרן אויפן פעלד
אין זון=גאָלד וועט זיך רייפן.
אויסגעלאָשן אויף דער ערד

פון שנאה דער צאָרן,
וועט די שלוה איבער דער וועלט שפּרייזן.
מענטשן וועלן ווּנדער אויסקלערן.
אויף די הענט פון די ווינטן
וועלן מענטשן צו די שטערן רייזן.

לאָמיר אין ווייטן שפּעטער גלויבן.
און איך וועל אין לידער תּמיד לויבן
דעם פרימאָרגן, ווען אין פלאַם
פון דער זון גאָלדיקן
די אָנגעצונדענע דראָטן,
און אין דער שטילער טיף פון מאָל
דרימלט דער גרינער שאָטן.
אַן אויטאָמאָביל קערעוועט זיך
אין דער באַרגיקער הויך און
ברילט אין דער שטייניקער שטיל.
אין זאַמדיקן רויך,
צווישן פאַרמער־שטיבער
ליכטיק, פאַרקלערט,
טראָגן פערד
היי אַ פולן וואָגן.
און איך הער די פרייד פון ליבע
אין דיין האַרצן שלאָגן.
וואָר, אין העלן זון־אויפגיין
אין דער ליבע, אין איר ליכטיקן באַזונדער,
מיר זענען ק יי נ מ אָ ל נ י ש ט אַ ל יי ן.

ע ל נ ט

אין וואַגאָן

דער דרויסן פּראָסטיק־ווייס.
די באַן לויפט צווישן בערג
מיט שפּיגלדיקע בלעכן־אייז.

אין שווערן פאַלטן וואַרעם און ווייך,
זיצט וועלוול פאַרטוליעט מיט זיין
גאַנצער, דינער הייך.

אן אויסגעצערטער זיצט ער
ביי די שויבן, אַ פאַרקלערטער.

זיינע אויגן אין טיף־טרויעריקן ברוין
שטוינען צום הויכן באַרג מיט
דער אייזיק־זילבערנער קרוין.

וועלוול טראַכט:
די באַן אויפן עלנטן שליאַך
אַנטלויפט מיט זיין געביין
פון די שטאָטישע מערק,
זי וועט אים איבערלאָזן
דאָ ערגעץ איין־אַליין,
צווישן די בערג פון אייז און שטיין.

פול מיט רייד און רויך איז דער וואַגאָן.
עס שמעקט דער ריח פון פרישע בייגעלעך מיט מאָן.
פאַרמער־קינדער וואָס זיצן און קייען,
רייצן איינער דעם צווייטן און שרייען.

רעקלעך, שיך — ריין און גאַנץ,
איטלעך איינער ציט דעם זיסן זאַפט
פון אַ פריש־צעשניטענער מאַראַנץ.

וועלוולס געדאַנק טראָגט זיך אַוועק צום שטעטל,
צו דער היים, ווו דער הונגער נאָגט
דאָס צאַרטע, קינדערישע געביין.

וועלוול זעט זיך ווידער אין שניידער־וואַרשטאַט,
ווו מען זינגט לידער וועגן אַ מאָרגן
מיט טישן רייך און זאַט.

אין שטעטל, אין נויט־פאַרקלעמט,
בענקט ער נאָך שטעט
ווייט און פרעמד.

קריגט ער פון זיין קוזינע
אין קאַנאַדע אַ בריוו:
טייערער וועלוול, איך שיק דיר
פאַפּירן און געלט פאַר באַן און שיף.
איך בין דאָ עלנט.
פון די לאַנדסלייט קומט צו מיר נישט קיינער.
זיי האַלטן אין איין עסן, ווי זיי וואָלטן
נישט געקענט אָנזעטיקן די הונגעריקע ציינער.

די שטאָט איז דאָ גרויס און שיין.
זונטיק קאָן מען אין אַ מוווי גיין.

אינמיטן שטאָט זיצט אַ באַרג שטייניק, שטום.
זומער קומט מען דאָ כאַפּן פרישע לופט פון אומעטום.

אַ גאַנץ יאָר קריגט מען דאָ פרוכט און גרינס
פון סאַד און פעלד.
איין זאַך, ווינטער איז דאָ גרויס די קעלט.

דאָ איז אָבער נישט דאָס קליינע שטעטל אין פּוילן.
דאָ זשאַלעוועט מען נישט דעם אייזערנעם אויוון
קיין עמער שוואַרצע קוילן.

וועסט נישט זיין איינער, וואָס
וועסט קומען פון שאָפּ
צעבראָכן און מאַט.
וועסט אָבער אַרויפציען אַביסל פלייש
אויף דיינע דאַרע ביינער, ווייל
וועסט תמיד דאָ עסן צוזאַט.

האַרציקע גרוסן שיקן דיר,
איך און מיין מאַן.
פון מיר דיין געטרייע שוועסטערקינד
עלקע גרינשפּאַן.

מיט אַ האַרץ פול געבעט
פּאָרט וועלוול דורך פרעמדע לענדער,
דורך רוישיקע שטעט.

און אַט זיצט ער שוין ביים מאַשינען־ראָד
און זעט דורך דער שויב
דעם באַרג אינמיטן שטאָט.

עס ברעכן אים אַלע גלידער.
דאָס האַרץ איז פול
מיט נישט־אָנגעשריבענע לידער.

און די בענקשאַפט טראָגט אין זכרון
דאָס שטעטל מיט די רויט־גאָלדענע זומער־פאַרנאַכטן
וואָס שווימען אין שטילן טייך דעם קלאָרן.

ביינאַכט — אַלע גלידער שטעכיק, היים —
דאַכט זיך אים, אַז דער מידער גוף,

וואָס באָדט זיך אין שוויים, קייקלט זיך
אין די קילע שאָטנס פון היימישן עפּל־סאָד.

כאָטש ער עסט צוזאַט,
איז ער הויט און ביין.
ער איז שטענדיק שלעפעריק און מאַט,
און דאָס האַרץ איז פול מיט טרויער־געוויין.

איינמאָל אינדערפרי טוט א יאָג דורך זיין לייב
פון שווייסן א פיבערדיקער גלי.
ער דערפילט אַ שאַרפן שטאָך,
ווי עמעצער זאָל אין זיינע לונגען
דורכבויערן אַ לאָך.

ער פאָרט שוין נישט אין שאַפּ
צום מאַשינען־ראָד.
דער טראַמוויי פירט אים
צו אַ באַרימטן דאָקטער, ערגעץ
אין אַ רייכער געגנט פון שטאָט

וועלוול ליגט אויף אַ ווייך בעטל אויסגעצויגן,
און אויף זיין נאַקעטער פלייצע לויפן
דעם הויכן דאָקטערס גרויע אויגן.

זיינע לאַנגע, וואַרעמע פינגער קנאַקן
אויף זיין מאָגער געביין.
עס שטאַרצן דעם דאָקטערס קינבאַקן
און ער פרעגט: — ביסטו דאהי איינער אַליין?
— יעס, אין דער „איסט“,
ווו זומער ראָיען פליגן אויף די גאַסן
פול מיט מיסט.

— טאָ הער זיך צו — כ'האָב שוין פאַרטיק מיין דיאַגנאָז,
טאָרסט נישט נעמען מער אין מויל קיין פּאַפּיראָס.

אַ וואָרענונג איז אין דער פלייצע דער שטאָך.
אָבער אין דיינע לונגען איז נישטאָ קיין לאָך.
מיט טי. בי. איז גוט, אַז מען קומט צום דאָקטער פרי.
דו נ״יטיקסט זיך אין גוטן עסן,
אין פרישער לופט, אין רו.
איך וועל דיך שיקן אין סאַנאַטאָריום,
צווישן די בערג פון שטיין, ווו די נוירסעס
זענען יונג און שיין.

דאַרפסט אויף מיר אַזוי טרויעריק נישט קוקן.
ביסט נישט חלילה קיין חולה מסוכן.
איז זיי נישט דערשראָקן און פאַרקרומט.
אין סאַנאַטאָריום וועל איך דיך זען אין אַ וואָך אַרום.

אין דער טאָליקער טיף
לויפט דער לאָקאָמאָטיוו.
דער וואַלד איז שנייאיק, ווייס.
און דאָס קלאָרע וואַסער פון טייך
איז פאַרשלאָסן אונטער דער
זילבערנער דעק פון אייז.

דער שניי שלאָגט מיט ווייסן שיין.
זיין לייב איז אָנגעגאָסן
מיט טרויער און פיין.
דער נעכטן וויל פון היינט
נישט ווערן אָפּגעשאָרן.

וועלוול האָט מורא צו בלייבן אין דער פרעמד אַליין,
טאָמער וועט ער דאָ ווערן פאַרלאָרן
צווישן די שטומע בערג פון שטיין.

די באַן שטעלט זיך אָפּ.
דער קאָנדוקטאָר זאָגט:

מיסטער, גיי דאָ אַראָפּ
זעסט אַ פּלויט, אַ שטיבל אין שניי
געפאַרבט אויף רויט.
דאָרט ווו עס זענען איינגעפראָרן
די אייזיק־זילבערנע שניטן,
דאָרט וואַרט אַ מאַן מיט אַן אויסגעבעטן שליטן.

סעם האָלצמאַן

א הילצערן שטיבל נידעריק און אַלט,
הויקערט זיךביים פאַרשנייעטן וואַלד.

אַ הויכער, בייניקער יונג
אין אַ לאַנגן, פוטערנעם פאַלטן
שפּאַנט צווישן די בערג־שפּאַלטן.

אַ וואַרעמע, האָריקע האַנט
שטרעקט זיך אויס:
— פונדאַנען איז נישט ווייט
צום ווייסן הויז,
זעצט זיך אַריין אין שליטן.
איך סעם האָלצמאַן — דער טרייבער,
וועל היטן א יונגן, יידישן שרייבער.

ברוינע פערד צוויי
סאַפּען און קאָפּען דעם שניי·
צום הימל הויך און בלאָ,
קראַקעט אַ דערשראָקענע קראָ·

סעם פינקלט מיט די שוואַרצע אויגן און זאָגט:
מיר׳ן באַלד קומען צום טויער, וואָס
איז מיט אייז־בלעכן פאַרצויגן.

איר זעט, איך בין שוין געזונט.
גוט עסן, פרישע לופט און רו,
היילן אויס אין דער׳ לונג

די טיפסטע וואונד.
פון אָט דעם ווייסן הויז,
גייען פיל מענטשן געזונטע אַרויס.
אויף אַנדערע לויערט דער טויט,
און דאָס לעבן צאַנקט אויס,
ווי אין לאָמפּ אַ טרוקענע קנויט.

איר אָבער וועט זיין געזונט.
איר דאַרפט בלויז אַרויפּציען אויף זיך
אַ פּאָר צענדליק פונט.

וואַרפט אַ בליק דאָרט אויפן הינגל,
וועט איר זען פון ווייסן הויז די ציגל.

דער הימל איבער די בערג ווערט אַלץ העכער, בלויער.
דער שליטן גליטשט זיך אַריין
אין אָפּענעם, הילצערנעם טויער.

אין עס־זאַל

אויף אַ גראַמאָפאָן בעטן
בענקענדיקע ווערטער
פון אַ ליבע־ליד.
די פּאַציענטן אַרום די טישן הערן
און עסן מיט גרויס אַפּעטיט.

וועלוול פאַרטראָגן אין פּיין,
קוקט אויף די שויבן, וואָס
שימערן אין שטערן־שיין.
מיט זיין האַרץ — דעם טרויער־קוואל —
ער זיצט איין־אַליין
אין פול־געפּאַקטן עס־זאַל.

ווערטער אין בענקשאַפטן צעבריטע,
בעטן זיך אין געוויין פון דער פּליטע:
„געליבטע דו מיין,
ווי לאַנג נאָך דאַרף איך טראָגן
אין האַרצן די פּיין?
זאָג מיר, ביסטו דען אויסן,
אַז מיר זאָלן דאָס גאַנצע לעבן
פירן אַ ליבע אין דרויסן?

צו וועלוולס טיש קומט צו אַ מיידל
אין אַ ווייסן כאַלאַט און זאָגט:
איך בין די נוירדס מיס אַלמאַן.
איר זענט מיין נייער פּאַציענט, וואָס

איז געווים מיר און מאַט פון פאַרן
מיט דער באַן.
פאַרטרייבט די אנגסט פון געמיט.
עסט אַ סך און מיט אַפּעטיט.
אירע גרינלעכע אויגן
גלעטן און קלאָרן.
וועלוולען דערמאָנט זי די היימישע מיידלעך,
וואָס פאַרטרויען זייערע יונגע טרוימען
די גאָלדענע פעלדער פון קאָרן.

פריידיק־צעשפּילטע זענען איצט
די ווערטער אויף דער פּליטע:
„מיידל מיין, טראָג נישט מער קיין טרויער,
טראָג נישט מער קיין פּיין.
ווען אַלע שטערן וועלן
איבערן שטעטל העלן,
וועלן מיר א חופּה שטעלן".

מים אלמאַן שמייכלט:
די ליבע מיט אירע צוזאָגנדיקע רייד
ברענגט א יידיש מיידל גליק און פרייד.
זאָגט מיר, וואָס זוכט איר דאָרט אין הימל?
בעסער עסט דעם וויסן, פעטן קעז,
און דאָס פרישע ברויט מיט קימל.

וועלוול קערעוועט אוים דעם קאָפּ
און ענטפערט אָפּ:
איך האַלט אין איין קלערן
פון דעם הויכן הימל
אָנגעשטאָכן מיט טרויעריקע שטערן.
און פון דער ליבע מיט אירע ליכטיקע פלאַמען,
וואָס ברענט מיט גלוסטיקע סמען.

מיט אלמאָן שמייכלט ליבלעך:
איר זענט שוואַך.
אַ פּאָר וואָכן וועט איר ליגן אין בעט
און קוקן אויף די פאַרמער־שטיבלעך,
וואָס פרירן ביים וואַלדיקן שליאַך,
קומט טאַקע גלייך אויפן צווייטן שטאָק
און ציט פון זיך אַראָפּ
העמד און הויזן, שוך און זאָק.

נאַכט. לבנה מיט איר ליכט־ראָד
רייט אויף די פאַרשנייעטע ביימער,
וואָס זיצן אויף די ווייסע באַרג־שפּיצן.

חלום

אָפּגעריסן פון שטאָט, פון מענטשן געווימל,
ליגט וועלוול און גאפט צום אויסגעשטערנטן הימל.
דאָס לייב וואַרעמט זיך
אין לאַנגן, ווייסן שפּיטאָל־העמד.
דער מידער גוף גארט נאָך דער רו,
וואָס דרימלט אויף די שאָטנדיקע ווענט.

אין חלומדיקן בענקען,
ער וויל דאָס פּנים
פון זיין געהרגעטן ברודער געדענקען.
ער זינקט אין ווייכן בעט
און חלומט און זעט:

פרימאָרגן־זון איז אַרויס.
אַ בעכער פול מיט טוי איז די רויז
אין ווייסן נעפּל, אין בלויען מאָרגן־ליכט,
בלייכט זיין טרויעריק געזיכט.
ברודער מיינער,
וועסט שוין מער נישט אַוועק
אין דער שאָטנדיקער ווייט.
איך וועל נישט אָפּלאָזן
דעם זוים פון דיין קלייד.
קום מיט מיר, געדענקסט,
אונדזער שטוב איז אָט
אין יענער זייט.
אַלע בענקען נאָך דיר אין דער היים.

די מאַמע האָט די אויגן זיך שוין אויסגעוויינט.
דער טאַטע איז שוין אַלט און גרוי.
זאָלן זיי הערן דיין קול,
פאַרנעמען די טרייסט פון דיינע רייד.
זיי וועלן האַלדזן און בענטשן דיך אַזוי.

וואָסזשע וויינסטו אַזוי פארשעמט?
ווער האָט צעריסן און פאַרבלוטיקט דיין העמד?
דיין קאָפּ מיט א ווייסן לייוונט פאַרבונדן?
קום, זע, אַ שוואַרצער נעפּל נעמט דיך אַרום.
ווו ביסטו? א, ביסט ווידער שוין פארשווונדן.

און קיינער איז נישטאָ.
בלויז שטילער שאָרך אין די גראָזן.
די זון טרינקט דעם טוי פון די רויזן.

עמעצער טרייסלט אים. ער איז ווידער וואך.
אַ פראָסטיקער אינדערפרי זוניקט אויפן שליאַך.
מים אלמאַן שמייכלט צו אים
מיט אירע גוטע, גלעטנדיקע אויגן.
אין טאָל בלישטשען די שניי=סטויגן.

טרייסט

אויף די שויבן מיט זילבער באַצויגן
בלענדט די זון מיט אירע גילדערנע אויגן.
וועלוול, מיט טרויער אָנגעגאָסן,
קוקט צום וואַלד, ווו
עס אומעטיקן פאַרמער־שטיבלעך
צווישן פעלדזן־בערג איינגעשלאָסן.

זיין מידער גוף
אין דער וואַרעמער טיף
פון אַ בערן־פעלין באַהאַלטן
היימיש איז אים שוין
דאָס וואָיען פון לאָקאָמאָטיוו, וואָס
שניידט די שטיל
אין דעם דרויסן דעם קאַלטן.

ער ליגט אַליין.
אין שולעכל מורמלט דאָ תהלימדיק געוויין.
די שויבן ציטערן אין ווינטיקן געשאַל.
און זיין האַרץ אַ פולער טרערן־קוואַל.

אַ פּאָר מאָל אין וואָך קומט צו אים
דער מענעדזשער מיסטער ברין
און ברענגט מיט זיך דעם ריח פון שניי און מאָך.
ער פאַרטרויט:
אַז אין גיכן וועט ער זיך
פון בעט אויפהויבן

גיין ביזן ברעטער־פלויט,
וועט דער דאָקטער אים דערלויבן.

מיסטער ברין מילדערט דעם וויי.
נאָדל־ביימלעך לויכטן אין שניי.

ער זיצט ביים בעט
און די טרייסט פון אים רעדט:
אָראַנזש־זאַפט אויף דער צונג
איז אַ היילונג פאַר דער לונג;
איר זענט גלויביק און יונג.
איר וועט פון לעבן
געבן נאָך א הייסן טרונק.

מיסטער ברין מיט די זילבער־העלע האָר
וואַרעמט אין ברייטן פוטערנעם מאַנטל
זיינע קראַנקע יאָר.

עם שמייכלען זיינע טיפע, ברוינע אויגן:
איך טראָג אין האַרצן נישט קיין טרויער־געוויין,
כאָטש מיט ווייטיק אָנגעזויגן
איז נאָך אויך היינט מיין מאָגער געביין.
מען דאַרף נאָר וועלן לעבן,
און אַ טראָפּן־פרייד
וועט יעדער דיר געבן.

אויף זיין דין־געלבלעכער הויט
פאַרבן זיך פלעקן פיבערדיק־רויט.

ער זיצט ביי וועלוולס בעט,
און האַרציק, היימיש ער רעדט:
דער עיקר זיך אַליין היטן
און די כוחות שפּאָרן —
וועט איר איינגיכן מיט דער שיינער נוירס מיס אַלמאַן
אויף אַ שליטן דאָ פאָרן.

זייט צו זיך שטרענג,
און איר וועט פּטור ווערן
פון דער ווייסער קרענק.

די בערג פֿאַרשטאָכן
אין טיפֿן בלוי פון הימל.
וועלוועלען רייצט דער ריח
פון פרישן ברויט מיט קימל.
מיסטער ברינס רייד גלעטנדיק און גוט,
טראָגן טרייסט און הייבן דעם מוט.

וועלוול זעט: די זון טאָפּיעט
דאָס אייזיקע זילבער אויף די שויבן.
און ער גאַרט און ער האָפט,
אַז ערגעץ דאָ
אויף א שטילן, וואַלדיקן וועג,
וועלן זיינע יונגע טעג
דאָס ליכט פון פרייד
נאָך קלויבן.

שטיבלעך אין שניי.
מילדער ווערט דער וויי.
מיסטער ברין שמייכלט און פֿאַרזיכערט:
דער כוח ליגט נישט אין די ביכער.
עסט, טרינקט מילך פריש און פעט,
און דער דאָקטער וועט אינגיכן
אייך דערלויבן פֿאַרלאָזן דאָס בעט

נאָדל-ביימער קליין און גרין.
טרייסט טראָגן די רייד פון מיסטער ברין.

מים אַלמאַן

זון אויף שויב.
מים אַלמאַן אין איר ווייס־קיילעכדיקן הויב
זאָגט אַלעמען אין אַ האַרציק קול:
דער טאָג איז גוט און וויל.

אירע האָר ברוין און געדיכט
גילדערן זיך אין מאָרגן־ליכט.
אירע אויגן גרינלעך־קלאָר,
טראָגן די בענקשאַפט פון יונגע יאָר.

אויף איר ראָזן פּנים רונד, געשניצט
אַ קיילעכדיק פאַרריסן נעזל זיצט.

אין ווייסן כאַלאַט איר מיידלש־גלייכער גוף
איילט צו יעדן קראַנקן,
ווי נאָר דער קלונג פון גלעקל רופט.

וועלוולען זאָגט זי:
דאָס לעבן טראָגט יעדן צו
פּיין אַ פולן בעכער.
אויך איך קום פון דער אָרעמער גאַס,
פון די קליינע, הילצערנע שטיבלעך
מיט די נידעריקע דעכער.
אַרום קראַנקע אַרומגיין
דאָס איז מיין פאַך.
אָבער אַ האַרץ דאַרף פאַרשטיין
פון ליידן די שפּראַך.

היימיש, האַרציק זי רעדט,
און איר ליכטיקער בליק
זיין צעפלאַמט פּנים גלעט.

זי מעסט זיין פיבער
און שמייכלט:
דאָס ערגסטע איז שוין אַריבער.
עסט. רוט אין בעט.
אין דער שרעק פאַרגעסט.
און הייס וועט די גלוסט לויפן
אין בלוט פון יונגן פּאָעט.

איר יונגער, גליאיקער גוף
איז איבער אים אָנגעבויגן —
וועלוול וויל צופאַלן
צו אירע רויטע ליפּן
און זיך אין זיי איינזויגן.

אין זיין לייב לויפט
פון הייסער גלוסט דער ציטער.
מים אַלמאַן וואָרנט:
ליגט רואיק, שרייבט לידער,
אַנישט, וועל איך מיט נאַסע, דינע ריטער
לעשן אייערע הייסע גלידער...

מים אַלמאַן שטייט ביי זיין צוקאָפּנס
און ווישט פון זיין שטערן
די ברייענדיקע שוויים־טראָפּנס.

אנטרונען דער טרויער.
נישטאָ מער קיין פרעמד.
שטראַלן שפּרינגען
אויפן הילצערנעם טויער
מיט די צוויינג־הענט.

ווייט פֿון שטאָט, פֿון ווילדן קאָך,
ער ליגט אין בעט שוין די פֿערטע וואָך
און ער הערט דאָס ווייסע, ווינטיקע געוויין,
וואָס טראָגט זיך צווישן פֿעלדזנשטיין.

רוף פון הארץ

װעלװל ליגט אין רו פאַרװיגט
דער מאָרגנאױפגאַנג
ברענגט די ליבע
מיט איר יונג געזאַנג:

„איך װױן אױפן אָפענעם פּלױן.
און איך בענק און איך טרױם פון דער זון,
װאָס הױדעט זיך אין טיפן הימל־רױם.

זע, איך צי אַרױס פון פּײן דעם דאָרן.
אין פעלד ברענט דאָס גאָלד פון קאָרן.
מײדלשע טריט אין קלאָרן זאַמד פאַרלאָרן
פירן צום פרײדיקן געשאַל פון מײן רופנדיקן האָרן“.

ליד פון לױטערן האַרץ־קװאַל,
שיקט װעלװל קײן ניו־יאָרק
אין אַ ליטעראַרישן זשורנאַל.

פאַרליבט

פאַרנאַכט.
מיס אלמאַן קומט און ברענגט
א פעקל זשורנאַלן —
יונגער ברויז פון נייע, שעפערישע קוואַלן.

זי מעסט זיין טעמפעראטור און זאָגט אים,
אַז ער וועט זיין אַ גוטער, שיינער נאָמען
אין דער יידישער ליטעראטור.

אייער לעצט ליד
איז מיט טיפער בענקשאַפט דורכגעגליט.

געוויס דאָס בילד פון אייער מיידל
ביי זיך איר האַלט —
קאָן איך זען איר געשטאַלט?

וועלוול כאַפּט אָן איר האַנט:
דאָס מיידל איז איין־אַליין
אין לאַנד פון פעלדזנשטיין.
איך וויל מער נישט פאַרבאָרגן.
זי איז נישט אין דער פרעמד.
יעדן פרימאָרגן ברענגט זי מיר
אַ ניי, ווייס שפּיטאָל־העמד.
זי איז שיין,
זי איז גוט
איר וואָרט שטאַרקט מיין מוט.

מיט אלמאַן ציט אַרויס איר האַנט:
איר זענט דאָך מיט מיר קוים באַקאַנט.
איר ליגט אין בעט און טרוימט.
בעסער זייט אין רייד געצוימט.

טרערן לויכטן אין אירע אויגן
און פאַלן אין פאַרנאַכטיקן שאָטן,
וואָס שפּרינגט אויפן באַלקאָן
פאַרצויגן מיט ווייסע, דינע דראָטן.

דאָקטער באַנד

דאָקטער באַנד וויל פון אַלעמען פאַרהוילן,
אַז ער שטאַמט פון ערגעץ א קליין שטעטל אין פוילן.
ער באַרימט זיך, אַז בערלין איז זיין געבוירנאָרט.
דאָרט האָט די אינטעליגענץ שטענדיק דאָס ערשטע וואָרט.

דאָקטער באַנד ברענט, וואָס
יעדער פאַציענט ווייסט דעם סוד,
אַז זיין פאָטער איז א פעדלער אין שטאָט,
שלעפט אויף די פלייצעס
א פולן פאַק
און וווינט אין אַ מויער —
אַ גרוי־שטיינערנעם זאַק,

ער איז אַ מיטלוווקסיקער, פעסטער יונג, וואָס
האָט הנאה צו באַפעלן מיט בליק און ווונק.
זיינע האָר שוואַרץ־פעכיק,
קורץ־געשאָרן און שטעכיק.
זיינע קליינע, ווייס־וואַסערדיקע אויגן
בייז און שטרענג.
פאַרריסן, שטאָלץ שפרייזט ער אין „וואָרד“ —
אין געפאַסטע הויזן פאַרצויגן
שטייף און ענג.
אַלץ איז ביי אים לויטן דייטשישן אָפיצירן־שניט.
עס גלאַנצן זיינע הויכע, געלע שטיוול
מיט די פאַרהעקלטע רימענדלעך אין דערמיט.

אין זיין ברייטן אפּים מיט די ווייסע ווענט
וואָרנט ער יעדן פּאַציענט:
יאָ, יאָ, איך בין דאָקטער מעדיצין,
און איך וועל אייך לערנען אַכטן
דעם דאָקטער און די דיסציפּלין.

די נוירסעס ציטערן פאַר זיין וואָרט.
אַ ליאדע־וואָס שרייט ער:
ווייסע ציגן, פּאָרט אין שטאָט,
וועט איר זיך אויסלערנען קלעטערן
אויף די הויכע, הילצערנע שטיגן.

אויף וועלוולען אין צאָרן ער פלאַמט:
טאַלאַנט איז אַ זעלטענער פּערל.
פּאַרוואָסזשע שרייבט איר לידער
פאַרן יידישן עמיגראַנט, וואָס
איז אַן אומווּיסנדיקער קערל?

ווי נאָר די שיף פּאָרט אַריין
אין האַליפאַקסער פּאָרט,
דאַרף דער עמיגראַנט, וואָס
זעט דורכן וואַגאָן
די שיין פון היגן לאַנד,
גלייך אַוועקוואַרפן
דעם היימישן זשאַרגאָן.

וועלוולען איז דער דאָקטער באַנד דערווידער.
ער מיידט אוים צו רעדן מיט אים
וועגן דער הויכער פּאָעזיע
פון דייטשישע לידער.

אים רייצט דער סוד, וואָס
מים אלמאַן באַהאַלט אין דער טרער
פון איר טרויעריק געשטאַלט.

וואָך נאָך וואָך אַנטרינט,
וועלוול וואַרט, אַז דער דאָקטער
זאָל אים דערלויבן גיין אין שטילן ווינט,
ווען די זילבערנע שנייען שטויבן.

מיטן פענדזל אין האַנט

אַ חסידישן ניגון פריילעך, פרום,
דער מאָלער גאָרין ברומט.

דאָס גרוי־מאָכיק בערדל צעשויבערט.
אויפן לייוונט אַ פרוכטיק לאַנד
מיט העלע הימלען, וואָס קלארן
איבער זאַנגען פול מיט קאָרן.

אין סאָד שמעקט דער זומער
מיט זון און זאפט פון שוואַרצע קאַרשן.
און אין שטאָט פלאַקאַטן און הונגער־מאַרשן.

דעם מאָלער גארינס געשטאַלט
דערמאָנט וועלוולען אין דעם שטעטלשן בעל־דרשן,
וואָס שטייט ביים אַרון־קודש און שאלט:
די תורה איז אונדזער הייליק לאַנד.
פאָלק ישראל, האַלט זי פעסט אין דיין האַנט.
וואָרים, דו ייד, ביסט דער איינציק־אויסדערוויילטער יורש,
און די שטראָף וועט פאַלן אויף דיין קאָפּ,
אויב פון הייליקן שורש דו רייסט זיך אָפּ.

וועלוול קוקט אויפן בילד און גאפט:
זון גיסט אין דער פרוכט דעם זאפט.

וועלוול פרעגט: וואָס באַדייט די רויטע שריפט
אויפן פלאַקאַט?

דער מאָלער גארין שאָקלט טרויעריק
דעם געזילבערטן קאָפּ און ענטפערט אָפּ:
אין דעם לאַנד פון זעט נישטאָ פאַר די אַרבעטלאָזע
קיין ברויט, קיין קלייד, קיין שטוב, קיין בעט.
דאָס וואָרט, פאַרטריפט אין דער רויטער שריפט,
צאָרנט און וואָרנט:
די ערד איז פול מיט זאַפט.
אין דער פרוכט זיסט
פון זון דער זאַפט.

דאָס וואָרט ברענט אויפן פּלאַקאַט:
מיר ווילן, אז אונדזערע קינדער
זאָלן זיין פריי, פריילעך און זאַט.

מיר לאָזן אייך וויסן:
מיר ווילן מער נישט לאָזן
אין מלחמות אונדזער בלוט פאַרגיסן.

ווערלוול קוקט אויף גארינס
קיילעכדיק, געזילבערטן קאָפּ
און רופט זיך אָפּ:
גרויס זענען יענע קינסטלער, וואָס
אַ הארץ פול מיט ליכט און ליבשאַפט זיי פאַרמאָגן
און דאָס פייער פון זייער טאַלאַנט
פאַרן רעכט פון ארימאַן זיי טראָגן.

דער מאָלער גארין באַוווּנדערט
דאָס גאָלד פון אייגענעם קאָרן.
ער שמייכלט און זאָגט:
אין אייער ליד, דער הימל העל בלויער,
פאַרטרייבט נישט פון אייער געמיט
דעם ברענענדיקן טרויער:

„די זון איז געגאַנגען
אויף שפּיצן פון זאַנגען.

און שטעט און דערפער
זענען אין הונגער געפאנגען".

גוט איז אויך, וואס
אין דער שלוהדיקער שטום
פון שטיין און בלום,
רעדט דער פאעט
מיט זיין לויטער געבעט.

דער ווינט קלעטערט אויף די בערג און ברילט.
דער מאָלער גארין שמייכלט און שטילט.
ער פינטלט מיטן פענדזל אין האנט און מאָלט:
בארגלאנד, קאָרנגאָלד, עפלסאד,
און דעם הונגער-מארש
אין דער צעשריגענער שטאָט.

אייפּערזיכטיק

דער הויכער, דאַרער פּריד
מיטן קלייענדיקן פּנים
פון פיבער צעגליט,
זיצט אָנגעשפּאַרט אויפן אנלען פון בעט,
און וועגן מים אלמאן צו וועלוולען ער רעדט:
מיט גוטע ווערטער האָט זי אייך גענומען.
מיט אייער יונגער ליבע זענט איר
אין אירע גלעטנדיקע הענט
גלייך אַריינגעשוווּמען.
וואַר, זי האָט זיך אַ גוטן נאָמען דאָ דערוואָרבן,
אָבער איר היט זיך און ווערט נישט
איר נייער, פרישער קרבן.

מיט דער ליבע פלינק און פריילעך זי רייט.
זייט וויסן, זי האָט אַ געליבטן אויף יענער זייט.
וועלוול פון זיינע רייד שטאַרק געטראָפן,
וואַרט, אַז זי אַליין זאָל פאַר אים,
איר סוד פאַרטרויען פריי און אָפן.

אים מאַטערט: פאַרוואָס האָט זי דאָס אַלץ,
פאַר אים ביז איצט פאַרהוילן?
פאַרוואָס האָט זי נישט אויסגעזאָגט,
אַז זי האָט א געליבטן ערגעץ אין פוילן?

דער הויכער, דאַרער פּריד
מיטן פיבער-פלאַם אין די שוואַרצע, שיקלדיקע אויגן,
איז צופרידן, וואָס וועלוולס האַרץ
איז מיטן סם פון אייפּערזיכט אָנגעזויגן.

פרילינג

עס פרילינגט.
די זון ברענט אויס שווארצע לעכער אין טיפן שניי.
וועלוולס הארץ איז אָנגעלאָדן מיט בענקשאפט און וויי.

מיס אלמאן מיידט אויס
מיט אים איבעריקע רייד.
דערציילן פון זיך איז זי
דערוויל נאָכנישט גרייט.

זי ברענגט אים די פאָסט און זאָגט:
פראָסט און געבריל,
כאָטש עס איז שוין סוף אפריל.

זי לייגט אוועק די בריוו און די זשורנאלן,
און אין אירע אויגן שווימט שטילער וויי
ווי אין טיפע, לויטערע קוואלן.

דער וועג ווינטיק און ווייס.
אין טייך ביים וואלד
שפאלט די זון דאָס אייז.

עס פרילינגט.
די פעלדזיקע נידער טרינקט דאָס וואסער,
וואָס שטראָמט פון דעם בארג,
פון אלע זיינע מאָכיק=שטייניקע גלידער.

אין פרימאָרגן בלענדן די הימל־ראַנדן.
פערד און וואָגן טראָגן זיך
אויף שנייאיק־נאַסע זאַמדן.
אַ בוים אין טאָל זילבערט און טרערט.
שאַרפער פרילינגדיקער ריח
שפּאַרט פון דער דורכגעווייקטער ערד.

עס פרילינגט.
לויטער איז דאָס געבעט
פון דעם פאַרבענקטן פּאָעט.

דאָס בריוול

צו מים אלמאַן
שיקט װעלװל איבער אַזאַ מין בריוול:
אַראָפּ איז מיין פיבער.
אין װאַרעמע, פוטערנע שטיװל
איך מעג שוין גיין
ביז צום װאַלד מיט די אייז־גריבער.
עס איז דעריבער מיין פאַרלאַנג,
אַז אייער טראָט זאָל היימישער מאַכן
מיין ערשטן שפּאַצירגאַנג.

גייט נישט אַרום טרויעריק פאַרקלערט.
דאָס גרין־גראָז קריכט שוין אַרױס פון דער ערד.
מען דאַרף שטענדיק געדענקען,
אַז אין די פרילינגדיקע װאַסערן
די טאָלן זיך טרענקען.
רעגן, האָגל, שניי און װינט —
הינטער די װאָלקנס
די זון מען געפינט.

טעג בינדן זיך אין ליכטיקע װאָכן.
אין װאַלד רייצט שוין דער ריח
פון די װייכע, נאַסע מאָכן.
לאָמיר גיין באַנאַנד
אין דער שטיל פון באַרגיקן לאַנד.

פון מיין בלויער שריפט
די בענקשאַפט טריפט.

פון מיר וועלוול גרינבלאַט,
וואָס ווייסט, אַז קיינעמס וועג
איז נישט גלייך און גלאַט.

יאָ, איך האָב אײנגיכן צו גיין מיט אייך
ביים ברעג פון שטראָמיקן טייך.

די גרויסע פרייד

דער פרימאָרגן מיט זיין לויטערער שיין
שפרייזט אין צימער אריין.
דאָקטער באנד א צעשמייכלטער
לאָזט וועלוולען וויסן:
יאָ, יאָ, דער פּאָעט פארלאָזט היינט דאָס בעט
און ער וועט אין דרויסן פון דער פרישער לופט שוין גענישן.
יאָ, אונטן אין פלוידערדיקן עס־זאל,
אין דער נעץ פון ליבע נישט פאל.
וואָרעם, אין די זיסע מיידל־רייד
איז סם פארשפּרייט.
היט זיך אויס פאר מיס אלמאנס שטילע טריט
און פאר אירע גרינלעכע אויגן, וואָס
זענען מיט א ליכטיקער פייכטקייט פארצויגן.
עס וועט נישט זיין צום גוטן,
אז מיס אלמאן מיט איר שמייכל וועט אויפקאָכן
אייערע יונגע בלוטן.

אייער שפּאצירגאנג איז ביז דער שטאל,
דאָרט וו עס קלאָרט
דער קילער קוואל.

פּאָעט, אכט די דיסציפלין,
און וועסט יעדן פרימאָרגן שפּאצירן
צווישן די טויאיקע גראָזן
אין שטילן, טאָליקן גרין.

דער דאָקטער ביי וועלוולס בעט
שמייכלט און רעדט.
מים אלמאן טיף־פארקלערט,
קוקט אויף אים מיט אויגן
ליכטיק־פארטרערט.

ליכט און לידער

טיש־חברים

אין עס־זאַל, כאָטש אַלע זענען אויסגעמישט,
האָט זיך וועלוול זיינע חברים ביים טיש.

מאיר גלוזמאַן קורץ און דיק,
בריט איטלעך איינעם מיט זיין שטרענגן בליק.
שווער ער טראָגט זיינע יונגע יאָר.
זיין קײלעכדיקער קאָפּ
געדיכט באַוואָקסן מיט רויטע האָר,
רייט אויף אַ האַלדז הויך און ברייט
מיט לאַנגע־אָנגעקוואָלענע אָדערן אויסגענייט.

ער האַלט זיך גרויס,
ווייל ער איז געווען דער בעסטער לערנער
אין דער שטעטלדיקער קלויז.
צאָרנגיפט
פון זיין מויל טריפט.
יאָרן לאַנג איז ער געווען אַ סטודענט,
האָט די ווייסע קרענק אַלע זיינע טרוימען פאַרברענט.

זיין פּנים געקריצט אין טרויער,
דערציילט פון זיין שרעק, אין געראַנגל
מיטן טויט, וואָס לויערט אויף אים
ביים אויפגעפּראַלטן, הילצערנעם טויער.

ער רעדט געלאַסן מיט פּסוקים פון תנ"ך.
ער רימט זיך, אז ער האָט פיינט די מאַסן,

דעריבער שרייבט ער זיינע שירים
אין דער שיינער, העברעישער שפראַך.

בייז בלויען זיינע אויגן.
און מיט ווערטער פּאַמעלעכדיק, צעצויגן,
גיט ער צו פארשטיין:
אַז ער דאַרף זיין מיט אלמאנס באגערטער.
וואָרעם, עס איז דאָך וואָר,
אַז אין זיינע העברעישע שירים
שלאָגן ריטמיש די קלאַנגען:
דאָך מיט אַלמאַן מיט אַלע אירע יונגע יאָר
ציט זיך גאָר צו ווערלוולען
און צו זיינע יידישע געזאַנגען.

דאָ, צי אין שטאָט,
איך בין באמת געפּלעפט,
וואָס די ליבע גראָד
צו ווערלוולען נאָר טרעפט.

זיין היים-חבר שאיע קופּער, וואָס קאָן זיך
מער נישט צוימען, רופט זיך אָפּ:
מאיר, דיינע רייד — שווארצער רויך פון קוימען.
קאָנסט פון זיך נישט אַוועקגיין.
אין דיינע אויגן איז איטלעך איינער קליין.
וועסט די גאַנצע וועלט אויסרייזן,
און וועסט תמיד פאַר אַלעמען גלייך באַווייזן,
אַז ביסט א גרויסער למדן,
באשר דו קומסט פון אַ שטעטל,
וואָס האָט אַ גרויסן טייך
און אַ ברייטן ברעג מיט גאָלדענע זאמדן.

גלוזמאַנען ווערט פּלוצלעם דער קאָלנער ענג.
דורך זיינע גרויסע, גראָבע ברילן,
ער קוקט בייז און שטרענג.

דאָך ענטפערט ער אים רואיק, געלאַסן:
אויף קיין תלמיד־חכם טאָר מען נישט בילן,
און דעם מענטש פון וויסן טאָר מען נישט האסן.

שאַיע זאָגט מער גאָרנישט.
ער קוקט אויף זיין חבר
און די הייסע טיי ער מישט.

שאַיע, פון אויסזען — א גבר,
האָט פון דעם גרוים צער.
ער איז זיין חבר זייער געטריי.
ער רעדט זיך איין:
אַז גלוזמאַן וועט נאָך פון סאַנאַטאָריע אַרוים
און פון זיין גאוה ווערן פריי.

שאַיעס פנים אויסגעצויגן און לאַנג,
אַנטציקט זיך פאַר גלוזמאַנס
יעדן אַרויסגעזאָגטן געדאַנק.

שאַיע הויך און ברייט,
שטענדיק מיט גלוזמאַנען גייט.
ביידע האָבן מורא צו זיין אַליין.
ביידע קאָנען נישט פאַרגעסן
דאָס אָרעמע ברויט, וואָס
זיי האָבן אין שטעטל צוזאַמען געגעסן.

שטענדיק זיי דערמאָנען די נויט,
די רויטע, זומערדיקע באַגינענס,
און די פויערישע גערטנער
פול מיט מייערן, ציבעלעס,
קאַרטאָפל און קרויט.

דער דריטער טיש־חבר איז איציק טרושטשאַנסקי.
ברעמען — גרויע מאָכן

איבער זיינע אויגן אַריינגעשטאָכן.
זיין גלאַטע, גלאַנציקע הויט
מיט פלעקן געפּינטלט — רויט.
זיינע הענט דין און געל,
זיינע אויגן, שוואַרצלעך־העל,
שיינען טיף־פאַרגלויבט:
אַז דער קעמפנדיקער אַרבעטער־קלאַס
וועט אַלע אָרעמע און הונגעריקע אויפהייבן פון שטויב
און אַ סוף־מאַכן צו מלחמה, רשעות, הונגער און האַס.

אויף דער רו־שטול ער ליגט אַ גאַנצן טאָג
און די טויט־שרעק פון זיך ער יאָגט.
מיט די קראַנקע לונגען
ער האַלט די לופט אין איין זויגן.
ער רימט זיך מיט זיין ביאַליסטאָק
און מיט זיינע חברים — די דרייסטע בעקער־יונגען.
ער דערציילט און ליכטיק ברענען
זיינע שוואַרצלעך־העלע אויגן.

ער איז אַ הייסער קאָמוניסט.
יעדעס וואָרט אין דער „פרייהייט“
מיט פולן צוטרוי ער באַגריסט.

די „פרייהייט“ איז ביי אים
דאָס איינציקע אַרבעטער־בלאַט,
וואָס שטרעבט, אַז מענטשן
זאָלן זיין פריי און זאַט.
עס איז פול מיט קאַמף
און קעגן שונא ער פאַרהאַלט נישט
פון צאָרן דעם דאַמף.
און וועמען עס איז דער קריגערישער טאָן
נישט ניחא, זאָל ער געדענקען, אַז
דורך שופר־געשאַל איז געפאַלן יריחו...

„די פרייהייט" טוט קיינמאָל דעם אמת נישט פאַרהוילן.
דעריבער א נייעם מוט זי באַשאַפט ביי פיל אַרבעטער אין פוילן,
וועלכע לייענען זי געהיים, אין די נעכט,
ביי קליינע לעמפלעך פון נאַפט.
סיי ווי די סאָוויעטן וועלן געווינען.
עס וועט נישט העלפן די יידישע שרייבער אין דער רעכטער פרעסע,
וואָס ליגנס וועגן סאָוויעטנפאַרבאַנד רק זיי שפינען.
גערעכט איז „די פרייהייט" אין איר אַגיטירן:
אַז דער סאָציאַליזם וועט עפענען
פון אַלע גרענעצן די טירן...

וועלוול קריגט נישט קעגן זיינע רייד.
ער באַדויערט בלויז, וואָס
איין שרייבער קעגן אַ צווייטן,
ווי אַ שונא שטייט.

וועלוול לייגט אים פאָר:
לאָמיר לייענען די לידער פון מאני לייבן, וואָס
זענען מוזיקאַליש און קלאָר.
לאָמיר די שנאה פאַרוואַרפן,
און לייענען לייוויקס שורות —
די דינע בליציקע שאַרפן.
זיין האַרץ פון טרויער צעפייניקט,
דאָך זיין טרוים העל און שייניק.
און משה לייבס ליד פון ברוזיקן געמיט —
אַ הילכיקער האָרן, וואָס שאַלט
ווייטיק און צאָרן.

טרושטשאַנסקי ענטפערט:
איך ווער פון פאָעזיע גערירט,
ווען דעם מענטש צו פרייע הייבן
עס פירט.

בלויז מיט וואָרט פון קאַמף
קאָן מען אין דער פאָליטיק

גרייכן דעם גרויסן זיג.
און איר חבר גרינבלאַט זענט אַ רעליגיעזער פּאָעט,
וואָס שרייבט לידער פון הכנעה און געבעט.

דער מאָלער גאָרין פלאָנטערט זיך אַריין אין געשפּרעך:
חבר טרושטשאַנסקי, גליטשיק איז דער וועג,
וואָס איז גלייך און גלאַטיק ווי בלעך...
איר מאַכט אָבער נישט קיין גרייז,
ווען איר טענהט, אַז יעדער מענטש
האָט רעכט אויף זעטיקע שפּייז.
אין רוסיקע נעכט איז צדק — אַ בליענדיקע רויז,
נאָר דאָן, ווען מען קעמפט, אַז יעדער מענטש
זאָל האָבן אַ וואַרעמען בגד און די פיר ווענט פון אַ הויז.

טרושטשאַנסקי שמייכלט צופרידן:
אויך קינסטלער זענען פאַרשידן.
אויך איר חבר גאָרין בענקט נאָך אַ וועלט,
ווו דעם אַרבעטער זאָל דאָס לעבן זיין גרינג און גוט,
ווו יעדעס פאָלק אין זיין לאַנד פרידלעך רוט
און צו די אָרעמע גאַסן מיט די הונגעריקע שוועלן,
ברענגט איר ליכט מיט אייערע שיינע געמעלן.
טרושטשאַנסקי מיט אויגן פול פיבער,
בליקט צום דרויסן, צו די קאַלטע וואַסערן,
וואָס שווימען צו די אָפענע, ליימיקע גריבער.
ער פרייט זיך מיט דער פרילינגס־זון,
וואָס גילדערט אין גאָרטן די פרי־רויטע בלום.

דאָס גלעקל קלינגט.
הויכער, העלער טאָג
אויפן באַרג שפּרינגט.

דער שמועס איבערגעריסן.
אין וועלוולס האַרץ די פריידן פליסן.

— — — — — — — —

תפילה

אויף בעטן ווייס, ווי שניי —
שטילט דער ווײ.

וועלוול אויפן באַלקאָן
אַרומגענומען מיט דראָט,
הערט דאָס געשריי פון דער באַן,
וואָס לויפט אין שטאָט.

שעה פון רו. גאָלדענע שיין.
וועלוול שרייבט דאָס ליד
פון געבעט און פיין:

„גאָט, איך באַוווּנדער דיין וועלט.
האָסט מיט וואָרט פון וווּנדער זי אויפגעשטעלט.
גאָט, איך וויל דיך דערגרייכן.
אין טרוים, איך טראָג זיך
צו דיינע פאַרהוילענע הייכן.

איך צי אַרויף אַ לייטער,
און שטייג אויף זיינע טרעפּ.
איך בין נעענטער צו דיר,
ווי די שפּיצן
פון די העכסטע פעלדזן־קעפּ.

איך ווייס, אָפן זענען דיינע הימל־שויבן,
און דו הערסט מיין בעטן, מיין לויבן.

דורך דיין אויפגערוקטן, בלויען טויער,
זעסט מיך אַ געבראָכענעם אין טרויער.
איז פאַרוואָסזשע פאַרנעמסטו נישט
דאָס געבעט פון דיין זינגער, דעם פּאָעט?

לייטער מיין האַרץ אין פרייד.
שענק מיר ליכטיקע רייד.
אין מיין ליד, געשליפן אין פיין,
העלע שיין טריף אַריין.

פאַרהויל זיך נישט אין דיינע הימלען.
הער מיין קול.
שטאַרק אין מענטש מיין גלויבן.
צי מיך אַרויס פון שנאה־טאָל,
פון די, וואָס פעלשן און רויבן.

צו אַלע נסיונות בין איך גרייט,
פון פרימאָרגן ביז דער טאָג פאַרגייט.
איז לייג נישט אַרויף אויף מיין מויל קיין צאַם.
לייטער מיין האַרץ מיט דער פרייד פון דיין פלאַם.

הער זיך צו צום שטילן געבעט
פון דיין טרויעריקן פּאָעט, וואָס
וויל זיך נישט דערנידעריקן און בויגן,
און באַגערט, אַז אין שאָטן־טאָל,
זאָל ער שטענדיק זען די זון
מיט אירע גילדערנע אויגן.

שעה פון רו.
אויף די שפּיצן פינגער גיי.
זע אויף בעטן ווייס ווי שניי
שטילט דער וויי.

ערשטער שפּאַציר

צווישן די פעלדזנוועגט
שווימט דער טייך און בלענדט.

א שטיבל, א שטאַל, אַ פּלויט.
א שטיין גליווערט
אין דער מאָביקער הויט.

א לאָנקע מיט געלע בלימעלעך אויסגענייט
פּאַר וועלוולס שטילע טריט איז אויסגעשפּרייט.

דער טאָג אין גלי שפּאַנט
אויפן גאָלדענעם זאַמד.

שטיין, גראָז, שטוב און וואַלד.
און צווישן די מאָכן א וואסערל קוואלט.

וועלוולס געמיט פול מיט באַגער.
אין פרייד פון ליד
לייטערט זיך די טרער.

אָנגעצונדענע ביימער־שפּיצן
ציטערן אין גאָלדענעם שיין.
אַ סטעזשקע גרין און שמאָל
פירט אַריין אין אָפענעם טאָל.

עס שרעקט די שטאָט

פאַציענטן שוין מער נישט קראַנק
האָבן מורא זיך צוריקצוקערן
אין שטאָט, צום געדראַנג.

פעלדער, קרעמער און שניידער
זענען שוין איינגעהיימישט
אין דעם גרויען לעבנס־סדר:
נאָך די מאָלצייטן ליגן זיי אויף די רו־שטולן
און קוקן צו די בלויע בערגיקע ווייטן.
דריי מאַל אַ טאָג אויף שפּאַציר
ביז צום בריקל מיט די שטיינער פיר.

קומט זונטיק דאָקטער מאַכלין און זאָגט צו אַ פאַציענט:
ביסט שוין פריי פון די סאַנאַטאָריע־ווענט,
קענסט שוין פאָרן אין שטאָט,
דאַרפסט שוין מער נישט ליגן אויפן באַלקאָן
אַרומגענומען מיט דראָט און גאַפן
אויפן דראָנג מיט דער קאָלירטער פאָן.

וואָס־זשע ענטפערט אַזאַ איינער?
דאָקטער, אין שטאָט וואַרט
אויף מיר נישט קיינער.
איך דאַרף זוכן אַ דזשאָב,
ווידער וועט מיך קראַנק מאַכן
די שווערע אַרבעט אין שאָפּ.

דאָקטער מאַבלין גיט צו פאַרשטיין:
אַז בלויז פאַר נישט־אויסגעהיילטע
דאַרף די סאַנאַטאָריע זיין אַ היים.

לעבט נאָרמאַל, היט זיך, האָט קאָנטראָל.
גייט שלאָפן פרי, פונקט ווי דאָ אין וואלדיקן טאָל.
פון דער אַרבעט ווען איר קומען
צו אייער אייגענעם טיש דעם זאַטן,
געדענקט, איך וויל אייך זען
אין מיין אָפיס יעדע דריי מאָנאַטן.

דאָקטער מאַבלינס רייד
פאַרטרייבן די שרעק
און דער פאַציענט אַן אויפגעלייגטער
גרייט זיך אין וועג.

צומאָרגנס מיט פריידיקן שפאַן
גייט דער פאַציענט צו דער באַן.
אויפן בערגל וויגטלט די פאָן
און געזעגנדיקע הענט
פאָכען צו אים פון באַלקאָן.

דער לאָקאָמאָטיוו וואָיעט צווישן די בערג
און טראָגט זיך צו דער שטאָט,
צו די רוישיקע גאַסן און שרייאיקע מערק.

הימל־הויכן העלן איבער שטוב, שטיין, טייך און בריק.
די גראָבע רויכן ציען זיך ווי גראָע שטריק.

מויערן, פאַבריק־קוימענס, סלופעס פאַרצוויגן מיט דראָט.
אין האַרצן נאָגט זיס־אומעטיקער ווייַ,
ווען דער פאַציענט דערזעט די שטאָט
און ער זעצט זיך ווידער אַריין אין אָנגעפראָפטן טראַמוויי.

טרעפונג

דער וועג איז ווייט.
דער וועג איז לאַנג.
אין טאָל העל און ברייט
בלענדט די גאָלדענע זאַנג.

וועלוול אין פריידיקן גיין
קומט צום שטראָם, וואָס
שלאָגט פון פעלדזנשטיין.
די זון רייט אויפן באַרג
און פלאַמט די מיידל-טריט,
וואָס צייכענען זיך אין דער טיף
פון פייכטן זאַמד.
וועלוול קירעוועט זיין גאַנג
צו דער שטיינערנער באַנק.

אַ הירש שטוינט אין הויכן קאָרן
און דאָס פייער-גאָלד פון דער פאַרגייענדיקער זון
ציטערט זיך אויף זיין קרומען-שפּיציקן האָרן
ביים ראַנד פון וואַלד
שאָטנט אַ מיידל-געשטאַלט.

גאַרנדיקע הענט אין דער פאַרנאַכטיקער שטום
כאַפּן זיך אַרום.

בלעטער שעפּטשען
אין ווינטיקן געפאָך.

ביידע זינקען
אין פייבטן מאָך.

אויגן פול מיט טרערן=פרייד.
אָונטט וואַרפטט אויף ביידן
דאָס בלויע שאָטן=קלייד.

אין שולעכל

א מנורה, אן עמוד,
אן ארון־קודש מיט א פּרוכת פון רויטן סאַמעט.

אַ טיש, אַ באַנק,
און ספרים אַ פולע שראַנק.
דער לאַנגער ר׳ שמואל אין שטילן זינגען
קעמט מיט די פינגער די באָרד.
מיטן טרויעריקן גמרא־ניגון
ער וויל אַריינדרינגען
אין דער טיף פון איטלעך וואָרט.

זיינע אויגן ליכטיק־קלאָרע
שלייפן זיך אויפן געלן גמרא־בלאַט.
זיי זוכן צו פארשטיין דעם פּשט
פון אַ פרומען יידנס פּיין
אין דער פרעמד, צווישן פעלדזנשטיין.

די שויב גאָלדיקט זיך
אין דער מאָרגנזון דער רויטער,
ר׳שמואלס ניגון שטיל און לויטער.

ווערלוולען טראָגט די בענקשאַפט צוריק
צום שטעטל, צום הוסאטינער שטיבל
ביי דער ברעטערדיקער, קליינער בריק.

די ביימער בלויען
ביים וואלדיקן זוים.
די תורה עפנט פאַר אים
די טירן פון טרוים.

דער טאַטע אויף משיחן
ער האַלט אין איין האָפן,
ער האָט נישט ליב
די רייד וואָס שטראָפן.

זומער פאַררויכערט ער
זיין מאַכאָרקע־פאַפּיראָס
און גייט מיט אים שפּאַצירן
אויף דער לאָנקע
אין קילן ווינט
פון הויכן גראָז.

מיט ווערטער מעשהדיק, מילד,
די שרעק אין האַרצן ער שטילט:
יעדער כומר, יעדער שררה
וויל פאַרברענען די גמרא.
זיי ווילן צעברעכן דעם הייליקן צוים,
אויסרייסן אונדזער לעבנס־בוים.
די גרעסטע בהלה ברענגט אין יונגע מוחות
די דייטשיש־רוסישע השכלה.
נישטאָ קיין סתם, קיין פּשוט און גלאט.
דאָס פרעמדע לשון איז זיסער סם,
וואָס עפנט דעם טויער צו שמד.
וואָר, אַלע חכמות ווערן טאַקע אַראָפּגעצויגן
פון די הימל־קוואַלן, פון אויבן.
אָבער אַ ייד דאַרף זיין געוואָרנט
און גיין מיט אָפענע אויגן,
חלילה נישט צו פאַרלירן
אין בורא דעם גלויבן.

דער טאַטע מיט רייד שטיל און מילד
צום טאָג פון נסיון צילט.

דער טאַטע רעדט:
אומקערן זיך פון אַ קרומען וועג
איז פאַר קיינעם נישט שפּעט.
מיין זון, איבער דער גמרא פלייס זיך מיט התמדה,
דאָס האַרץ לייטער אין די ליכטיקע רייד פון דער אגדה.

איצטער אין שולעכל קוקט וועלוול
אויף דער פולער ספרים־שאַנק
און צום שטעטל אין טרויער
טראָגט זיך זיין געדאַנק.
ער איז פון נעכטן אַרויסגעשטויסן.
דער נייער אַרום איז פאַר אים
דערווייל א פרעמדער דרויסן.

פון זוניקע רוימען
די בענקשאַפטן קומען ווידער.
גאַרנדיקע רייד אין לידער
טרוימען פון ליכטיקער פרייד.

ר׳ שמואל הויבט אויף זיין קאָפּ
און זאָגט אין א רואיק קול:
איר זענט איין־אליין אַראָפּ אין אַ טאָל,
אויף אַ וועג קליין און שמאָל.
פאַרקירעוועט די טריט
און געפינט רו
אין אייער טרויעריק געמיט,
אַ מענטש ווי ווייט ער זאָל נישט רייזן,
קאָן פון זיך אַליין נישט אַוועקשפּרייזן.

אַ ייד א חסיד וואָס פאַרמאָגט נאָך
אין זיך דעם אַמאָליקן, חסידישן ברען,

גלויבט באמונה שלימה, אַז מיט גאָטס רצון
טוט אַלצדינג געשען.

הייבט ווידער אן פון:
„מאימתי קוראים את שמע“
און איר וועט שרייבן לידער,
ווי אַ ייד, וואָס איז גאַנץ אויפסניי.

ר׳ שמואל קעמט די קיילעכדיקע, גראָע באָרד
און דער טרויער טריפט פון זיין איטלעך וואָרט:
א מענטש טוט זיך אַליין נאַרן,
ווען די טיר צום נעכטן ער וויל פאַר זיך פאַרשפאַרן.
אַלץ אין דער וועלט איז אין סודות פאַרהילט.
קיין שום חקרן קאָן נישט אויסגעפינען
פון לעבן דעם זין און דעם ציל.

אין דער יוגנט דאָס לעבן לאַכט.
דאָס האַרץ גלוסט נאָך לייב און מאַכט.
אין די יונגע, האָפנדיקע טעג,
לאַנג זעט אויס פון לעבן דער וועג.
דער מענטש פאַרגעסט אין שפעטער.
ער וויל נישט געדענקען, אַז עמעצער
הובליעוועט כסדר פאַר זיין
טויטן-קאַסטן די ברעטער.
דער מענטש וויל נישט וויסן,
אַז פון אַלע וועלט-טיילן
קריגט מען בלויז א קבר
פיר איילן די גרויס.

איך בין אַן אַלטער ייד
מיט אַ שווער-געפרווּט געמיט.
פריש, ווי דאָס וואַסער דאָס קלאָרע,
זענען די רייד פון דער גמרא.
איך בין אין קאַנאַדע שוין העכער דרייסיק יאָר.
נישט די אַלטקייט, די יסורים האָבן גרוי געמאַכט מיינע האָר.

דעם פרומען יידנס צייכן איז א שיינע באָרד.
שבת נישט ער אַרבעט, נישט ער האַנדלט, נישט ער פאָרט.
דערצו בכל יום ויום
וויסן פון מאָס און צוים.

באַגעגנסט אין דער פרעמד
אַ ייד אָרעם און פאַרשעמט,
עפן-אויף דיין האַנט
און מאַך גרינגער זיינע טריט
אין נייעם לאַנד.
איך פאַרגעס קיינמאָל נישט אין דער טומל-שטאָט,
אַז יעדן טאָג הענגט גאָט אויף אין הימל
דאָס זון-ראָד.
איך בין טאַקע פאַרהאַוועט אין סטאָר.
דאָך שטיי איך אויף באַגינען —
אין שולעכל דאָס ערשטע מנין
איך וויל געפינען.
עס קומט מיר נישט קיין שבת,
אַ בלאַט גמרא האַלט
א גאַנצן טאָג מיין מוח וואך.

איך גיב ראיעלע וואָג און מאָס.
ביי מיר קויפט מען שפייז און פרוכט,
א גאָפל, א לעפל, א שיסל, אַ גלאָז.
קלאָר, „קאָסטימער" לאָזן וויסן,
אַז ביי מיר אין סטאָר
ווערט קיינער נישט באַריסן.

שפּאָר איך געלט און קויף עטלעכע טירן.
און מיינע קינדער לערן איך,
אַז אַ ייד דאַרף זיך
תמיד ערלעך פירן.
טוט גאָט, ווייזט אויס פאַרדריסן,
וואָס איך שמואל טו

פון אַ ביסל עולם־הזה גענייסן.
דער רבונו של עולם שענקט
אין חסד אַ טראָפּן פרייד
דערנאָך טעסעט ער דאָס לייב
מיט טרויער און לייד.
ער שטראָפט פאַר יעדן ביסל תענוג,
פאַר אַן איבעריק ביסל שלאָף.
ווייזט אויס, שוין אין וויג,
איז גאָט מיטן מענטש אין קריג.
סיי ווי געזונט, צי קראַנק.
אַ ייִד דאַרף תמיד טראָגן
גאָט אין געדאַנק.

אַ מענטש דאַרף זיך ראַנגלען פאַרן לעבן
און טאָר זיך קיינמאָל נישט אונטערגעבן.
סיי ווי דער מענטש קלערט,
און גאָט טוט פאַרקערט.
אין הימל איז געווען פאַרשריבן, פאַרחתמעט, פאַרמאַכט:
אַז מיין עלטסטע, געראָטענע טאָכטער —
אַ שיינער, יונגער בוים — —זאָל אין אַ ווינטער־נאַכט
זיך אויסגליטשן און פאַלן אויף אַ דראָטן־צוים.
אין איר געביין דרינגט אַריין פון זשאַווער דער סם,
און זי ווערט פאַרברענט פון גיפטיקן פלאַם.
נאָך איר נידערט מיין ווייב אין גרוב,
און ליידיק און טרויעריק ווערט די שטוב.
און אַז גאָט גיט, איז מיט דער פולער האַנט,
שיקט ער אויף מיר פון טי. בי. — די בראַנד.
ווי יעדער פאַציענט, ליג איך די ערשטע מאָנאַטן
צווישן גרויע ווענט, ליג איך און גלי.
אויף דער עלטער ריכט איך אָפּ גלות דאָ הי.
ביי מיינע זיך בין איך „אָלד קאָנטריש“ און גרין.
דער עלטערער „ביזנעזוועט“ כאָטש און שפּאָרט.
דער יינגערער פאַרברענט זיין געלט
מיט „אלרייטניקעס“ ביי דער קאָרט.

נאָר געלויבט איז גאָטס נאָמען.
איך דאַרף צו ביידן נישט אָנקומען.
איר קענט זיך פאַרלאָזן
אויף ר׳ שמואלן דעם שלאָפן,
אַז ער וועט באַזאָרגן אייערע עלטערן
מיט א באַקוועמער דירה, ווי נאָר
זיי וועלן אָנקומען אין הייגן האפן.

יעדער ייד, וואָס וואַגלט ארוים פון זיין היים,
דאַרף פילן, אַז צווישן יידן איז ער נישט עלנט און אַליין.
ווארים א מענטש איז שוין נישט אין דער פרעמד,
יוען ער האָט אַ בעט און אַ ריין העמד.

ביי זיין אייגענעם טיש וועט אייער פאָטער זיצן.
אַזאַ איידעלער ייד, אַזאַ גרויסער למדן
וועט מיט זיין תורה פייכטער מאַכן
די הייגע, טרוקענע זאַמדן.

דאַנקט מיר נישט, מאַכט די מצוה
נישט קאַליע מיט קיין איבעריקע רייד,
וואָס כפי יכלתי, איך בין
העלפן אַ יידן גרייט.

זאָרגט נישט, אייער פאָטער וועט
חלילה האָ נישט ליידן קיין נויט.
מיט גאָטס הילף וועט ער
אַ לייטישע אַרבעט געפינען
און פאַרדינען אויף אַ מלבוש און ברויט.
פון אייערע שירים איך שטויך,
ווען איר שטייט און באַוואונדערט
גאָטס שטילן, גרינעם פלוין.

אַ מנורה, אַן עמוד.
די שטראַלן ברענען
אויפֿן פּרוכת מיטן רויטן סאַמעט.

אוםעט פֿון גמרא=ניגון.
א טיש, אַ באַנק.
פֿאַרדרימלטע שאָטנס וויגן זיך
אויף דער ספרים=שאַנק.

שטורעם־נאַכט

אַ בליציקע האַק בלענדט
און צעשפּאַלט דעם וואָלקן זאַק.

דער רעגן פאַלט און פאַרפּלייצט
דאָס זאַנגען־פעלד פול מיט ווייץ.

ווילדער ווינט וואַנדערט אין וואַלד
און וואָיעט מיט די הינט, וואָס
בילן פון טיפן פעלדזנשפּאַלט.

שטיבלעך ביים זאַמדן־וועג
ווערן פון בליצן צעזעגט.
איבערגעקערטער בוים, צעריסענער צאם.
אויפן באַרג־שפּיץ בלענדט בלויער פלאַם.

א שטיין קייקלט זיך און קראַכט
אין פינצטערן תהום פון דער נאַכט.

ר׳שמואל מורמלט אב הרחמן:
דו וואָס רייטסט אַצינד אויף דיין פייער־שטול,
זיי זיך מרחם אויפן מענטש, וואָס
זיין האַרץ איז מיט פחד פול.

אַ בריוו צו די עלטערן

נאַכט. וועלוול שרייבט צו זיינע עלטערן א בריוו.
לבנה פון איר זילבערנעם עמערל
טריפט מיט ווייסן ליכט
אויפן בלויען שויבנגעזיכט.

„טייערע עלטערן,
איך וועל נישט גיין אַרום און אַרום.

אָט גייט אַ וועג גלייך,
אָט פאַרקירעוועט ער זיך,
און ווערט קרום.

יעדער מענטש האָט זיין היסטאָריע.
נו, בין איך אַצינד אַ פּאַציענט אין אַ סאַנאַטאָריע.
דער שפּיץ פון מיין רעכטער לונג איז אָנגעגריפן,
נוט־עסן, לופט און רו וועלן די ווונד פאַרטריפן.

הלוואי קאָן איך באַשרייבן אין איין זאַץ
דעם וווּנדער פון היגן פּלאַץ.

שילדערן די שיינקייט פון באַרג און פלאַך
קאָן איך נישט מיט מיין אָרעמער שפּראַך.

ווינטער בלענדן די בערג אין ווייס־שנייאיקן רייז.
פרילינג קייקלט זיך דאָס וואַסער
און קרישלט די העלע העמדער
פון דינעם, גלאָזענעם אייז.

די פרילינג־פרימאָרגנס
קלאָר און קאַלט.
אויף די בערג־ווענט
בלויט דער געדיכטער וואַלד.

איך באַוווּנדער פון באַנייונג דעם נס.
אין די גערטנער בליט און לויכט דאָס בעז.

נאָר מיר איז טרויעריק און שווער אָן אייך.
שוין צייט, אַז איר זאָלט פּטור ווערן פון שטעטל
און אויפהערן שלעפּן וואַסער פון מוטנעם טייך.

איך וויל אייך ברענגען אַהער.
אייך דאָהי וועט די מאַמע קאָנען לייענען דאָס טייטש־חומש
און באַנעצן זיינע בלעטער מיט איר הייסער טרער.

אַ פּאַציענט, אַן עלטערער, פרומער ייד
איז דאָ מיינער אַ גרויסער ידיד.

ער איז אַ ווילער מענטש
אין גאַנץ־פאַרמעגלעך.
ער וועט מיר העלפן,
אַז אייער קומען
זאָל איינגיכן ווערן מעגלעך.

איך שרייב לידער אין דער מאַמעס יידיש.
מ׳לויבט זיי, אַז זיי זענען שיין און ליריש.

איך וויל נישט אַרומגיין מיט קיין סך רייד,
אין מיין האַרץ די ליבע שפּינט די פעדים פון פרייד.

מיט אַ יידיש־מיידל — אַ קראַנקן־שוועסטער
פון וואָלינער קאַנט — איך בין דאָ נאָענט באַקאַנט.

אַ ליבע ווי מאָרגנטוי,
ווי אַ ליכטיקע טרער.
אַז זי זאָל ווערן מיין פרוי,
איז גרויס מיין באַגער.

שרעקט זיך נישט,
איך בין נישט שטאַרק קראַנק.
אין סאַנאַטאָריע וועל איך
שוין נישט זיין לאַנג.

איך האָף, אין היגן, שיינעם לאַנד
וועלן מיר אַלע אינגיכן זיין באַנאַנד.

וואָר, איך קאָן אויף גאָרנישט זיך באַקלאָגן.
די ליבע — די לויטערע טרער פון מיין האַרץ
איך טו טראָגן.

איך זאָג מיט א פולן מויל.
מיר איז דאָ גוט, מיר איז דאָ ווויל.
עסן לרוב, לופט און זון צו זאט
האָט דאָ אייער בענקנדיקער זון
וועלוול גרינבלאַט.

דעם טאַטנס בריוו

לבני הטוב והיקר וועלוול נ״י,
ימים נוראים הולכים ובאים
ויהדע אני כי לבך מלא געגועים
לחסידים-שטיבל מלא מתפללים,
המהללים את שם אד׳ ומבקשים
את אדון-עולם, השופט צדק
שיתן לנו חיים, לחם ובגד.
יאָ, טאַטע-מאַמעס האַרץ
איז פול מיט בענקשאַפט און וויי:
ביסט פאַרוואָרפן צווישן בערג
באַליינט מיט אייז און שניי.
ביסט קוים צוואַנציק יאָר אַלט
און דאַרפסט שוין היילן דיינע לונגען
אין דער קאַלטער קלאָרער לופט
ערגעץ אין אַ קאַנאַדער וואַלד.

טאַטע-מאַמעס האַרץ איז פול מיט געוויין
אויף דיין עלנט צווישן די בערג פון שטיין.

נאָר געלויבט דער בורא, וואָס אין קאַנאַדע
פאַר אָרעמע מענטשן אין דיין קאַטאַגאָריע
היילט מען אומזיסט אין אַ סאַנאַטאָריע.

אונדזער שטוב, וואָס שטייט אין טאָל
צווישן ביימער און גראָז,
פאַר די קרובים וועל איך איבערלאָזן.

איך וועל אויך אַוועקגעבן
טיש און שטול, בעט און וואַסער־פאַס,
נאָר נישט דעם זיידנס ווילנער ש"ס.

יהי רצון, אַז משיח זאָל אינגיכן קומען
און אין ירושלים עיר הקודש זאָל רוען די שכינה.
נאָר דאָס טייטש־חומש, דעם קרבן־מנחה־סידור און די תחינה
וועט די מאַמע מיט זיך מיטפירן.
בזכות זה, וועט גאָט אין הימל עפענען
פאַר אונדזערע תפילות אַלע טירן.

זאָלן דיינע לידער זיין אַזוי קוואַליק,
ווי די שירים פון לוצאַטו און חיים נחמן ביאַליק.
איטלעך איינער האָט אין לעבן זיין גאַנג.
דער עיקר פילן בחוש, אַז אין געזאַנג,
וואַרפט מען אראָפּ פון גוף דעם גלוסטיקן לבוש.

גאָט, פון די צעפייניקטע הערצער דער מעסטער,
זאָל בענטשן דיין ליבע צו דער קראַנקן־שוועסטער.
איך ווינטש דיר גיכן געזונט.
גאָט זאָל פעסטיקן פון דער ליבע
דעם ליכטיק־הייליקן בונד.

מיין האַרץ ציט צום לאַנד,
ווו די בענקשאַפט פון מיין געליבטן זון פלאַמט.

איך האָף צו גאָט
און בעט אויף רחמים און גנאָד.

איך קוש און האַלדז דיך,
גאָט זאָל באַווייליקן
מיר זאָלן זיך זען גאָר גיך.

אָביך מיט יסורים שוין זאַט
אהרן דוד גרינבלאַט.

מיסים גלין

די הויפּט־קראַנקן־שוועסטער מיסים גלין —
אַן אלמנה מיט צוויי טעכטער.

איר פּנים לויכט קיינמאָל נישט אויף
אין אַ וואַרעם געלעכטער.
תמיד איז זי אויף עמעצן אָנגעצויגן.
פייער פון שנאה ברענט אין אירע אַש־גרויע אויגן.
איר פעסטער קערפּער נידעריק און ברייט.
עס טרייסלען זיך די בעטן, ווען זי גייט.
אַרום איר פּאַרשפּיצטן קאָפּ וויקלט זיך
אַ גרויסער, גראָבער צאָפּ, ווי אַ בייגל.
אויף איר ווייסן כאַלאַט פלאַטערט
אַ טיכל מיט בלוי־געהאָפּטענע פייגל.
איר אַרט, וואָס צו די פּאַציענטן אין בעטן פאַרשפּאַרט,
מיס אלמאַן ברענגט יעדן אַ וואָרט וואַרעם און צאַרט.
מיס אלמאַן קאָן נישט פאַרטראָגן
מיסיס גלינס שטרענגע שפּראַך
און זי וואַגט איר אַמאָל זאָגן,
אַז עס איז אַ גרויסע עוולה
ווי־טאָן מענטשן דערשראָקן און שוואַך.
ענטפערט זי אויפגערעגט:
קריכט מיר נישט אַריין אין וועג.
כ'וויים אַליין וואָס מ'טאָר נישט
און וואָס מ'מעג.
אָבער איר האָט ליב אַלע וואָס זענען גרין.
אייער גוטהאַרציקער שמייכל ברענגט
אין סאַנאַטאָריע די דיסציפּלין.

אין מיסיס גלין דער צאָרן ברענט,
פאַרוואָס די פאַציענטן האַלטן,
אַז מיס אלמאַן איז שיין, גוט און אינטעליגענט.
און ווי נאָר זי גייט ווערלולען פאַרביי, טוט זי א זאָג:
דער זשאַרגאָנישער פאָעט וואַרט ניעביעך
פון בלויען פאַרטאָג, אז מיס אלמאַן
זאָל קומען צו זיין בעט און מיט איר
גרינג־געמאַכטן שמייכל אים טאָן אַ גלעט.

עס איז אוודאי נאָרמאַל,
אַז אַ קליינשטעטלדיקער בחור
גרין און סענטימענטאַל,
זאָל זיך פאַרליבן אין מיס אלמאַן,
וואָס רעדט זשאַרגאָן, ווי זי וואָלט
נאָרוואָס אראָפּ פון דער עמיגראַנטן־באַן.

יעדער וואָס איז גרין,
איז לויט מיסיס גלין,
א קאָמוניסט, וואָס דאָס אַלטע, גוטע לעבן
ער פאַרוויסט.
יעדער גרינער איז פון נעבעכקן, שיינעם יחוס
דער שעכטער.
אָבער זי מיט אירע טעכטער
פון אַלע גרינע טוען זיך אונטערשיידן,
ווייל צווישן זיך רוסיש רק זיי ריידן.

אוודאי איז זי אָנגעצויגן.
אוודאי צאָרענען אָפּט
אירע אַש־גרויע אויגן.
דאָך יעדער פאַציענט אין פיין
טראָגט פאַר איר ליבע.
די ערשטע זי קומט אין „וואָרד״ אַריין,
ווען דער מאָרגן בלויט אויף דער שויב.

זי פּאָרעט זיך און זי פלאַטערט
אַרום די קראַנקע, וואָס ליגן
פון שווייס און היץ פארמאַטערט.

אָבער אין עס־זאַל, אין רייד־געטומל,
דער עולם שושקעט זיך,
דער עולם מורמלט:
מיסים גלין מיט די הענט
פלינק און געאיבט
אין דאָקטער באַנד איז שטאַרק פאַרליבט.
פאַרכמורעט איז איר געשטאַלט,
ווייל ער איז צו איר
פרעמד און קאַלט.

אַ שטיינדעלע

איבער די ביימער, צעבלעטערט אין טאָל,
דער הימל — אַ פאָרהאַנג פון בלויען וואָל.
וועלוול פארטוליעט אין דער רו
הערט זיך צו דער שטילקייט צו.

די ליבע לייטערט זיך אין די סטראָפן.
די בענקשאַפט רעדט צארט און אָפן:
„טייערע, פון ווייטן וועג נישט מיד, נישט מאַט.
פון גאָלדענעם זאַמד איך צי אַרויס
אַ שטיינדעלע קיילעכדיק און גלאַט.
טייערע, איך זע דיך נידערן
פון די בערג־הייכן.
זאָל דאָס שטיינדעלע פון אונדזער ליבשאַפט
זיין דער ערשטער צייכן.

הער טאָג פלאַמט
אין רויטן געצאַנק.
איך טראָג דיר
מיין ערשט געשאַנק —
אַ שטיינדעלע פון זון און זאַמד.

פון ווייטן וועג נישט מיד, נישט מאַט,
אין סאָד שמעקט בליט און בלאַט —

קום און זעץ זיך ביי מיין זייט.
וועלן מיר זען, ווי די זון
אויף די בערג־שפּיצן רייט".

אין „וואָרד" — פאַרשוווּמען
מיט שיין — קומט מים אַלמאַן
א שמייכלדיקע אַריין.
טריט געלאַסן, שטיל.
זי טראָגט די ביטערלעך־געלע פּיל.

וועלוול זאָגט:
איך טראָג אין מיינע סטראָפן
די פרייד פון האָפן.

מיט דער ליבע — די טרער
פון מאָרגנטוי —
וויל איך פאַרטרייבן
טעג טרויעריק און גרוי.

מים אַלמאַן ענטפערט:
נאָכגיין אייער פרייד
בין איך לאַנג שוין גרייט.
פון דער ליבע, פון איר ליכטיקן געשפּין,
נישטאָ פאַר קיינעם קיין אַנטרין.

ליכטיק וועט דאָס גליק פון ליבע
אין מיין האַרץ זיך בויען,
ווען די פּיינען פון מיין לעבן,
איך וועל אָפן אייך פאַרטרויען.

טריט געלאַסן שטיל.
אין גלעזל ביטערט די פּיל.

דער טאָג מיט זיין לויטערער שיין
דורך די שויבן שווימט אַריין.

מיס אַלמאַן דערציילט

ביימער בלעטערן אין טאָל.
לבנה מיט אירע זילבערנע ציינער
גריזשעט די מאָכיקע שאָל
פון די שפּיציקע שטיינער.

אויף דער ערד מיט גראָז איסגעבעט
זיצט מיס אַלמאַן און רעדט:
אַפילו ווען אַ מענטש איז געזונט און זאַט
גייט דאָס לעבן נישט-תמיד גלייך און גלאַט.

איך וועל גאָרנישט פאַר אייך פאַרשליסן.
איך וויל, אַז איר זאָלט וועגן מיר אַלצדינג וויסן.
איך בין פון דער ליבע געפירט
און מיט איר פרייד איך עפן אַצינד
צו מיין פיין די טיר:

מיין טאַטע שטאַרבט זייער יונג.
איך וואַלגער זיך ביי רייכע קרובים,
וווּ מען זשאַלעוועט מיר וואַסער
און איבעריקן טרונק.

מיין מאַמע ווערט מיט אַ צווייטן מאַן פאַרבונדן,
און עס הויבן זיך אָן פאַר מיר יאָרן
מיט צאָרן-פיין אָנגעצונדן.

איך פאַל אַריין צווישן אַ כאָפּטע זין אין טעכטער,
בלויז דער גוטהאַרציקער שטיפפאָטער איז מיין איינציקער וועכטער.

דער שטיפֿפֿאָטער א ייד, א למדן,
האָט אַן אכסניה נישט־ווייט
פֿון שיידוועג ביי די זאַמדן.

קליין די הכנסה.
פֿון די אָקסן־סוחרים
ציט מען די מאָגערע פּרנסה.

דאָס הויז איז תמיד מיט צאָרן פֿול.
די דערוואַקסענע קאָנען נישט פֿאַרטראָגן,
וואָס איך אַ פֿרעמד קינד פֿאַרנעם אויך
ביים שבת־טיש אַ שטול.

א פֿולע קאַן מיט וואַסער איך צי אַליין אַרויף
מיטן הילצערנעם ראָד.
אין פֿרימאָרגן, איך באַדין די סוחרים,
וואָס קומען מיט דער ערשטער באַן פֿון שטאָט.

און פֿון דער באָפּטע איך ווער געפּייניקט
דערפֿאַר, וואָס דער שטיפֿפֿאָטער גיט מיר אויך
אַ פֿרישן בייגל און אַ גלאָז טיי פֿון הייסן טשייניק.

דער שטיפֿפֿאָטער איז צו מיר גוט
און ער שטראָפֿט זיין באָפּטע,
פֿאַרוואָס זיי פֿאַרצאַפּן
פֿון א יתומה דאָס בלוט.

דער שטיפֿפֿאָטער לערנט מיט מיר עברי
פֿון א גרויסן, גראָבן סידור,
און יידיש פֿון עפּעס א דין־אילוסטרירט ביכל
מיט מעשיות און לידער.

רוסיש לערנט מיך אומזיסט
א יידישער סטודענט, וואָס טענהט:

אַז די בורזשואַזיע האָט מורא,
אַז דאָס פאָלק זאָל ווערן אינטעליגענט.
דעריבער פארשליסט זי די געצעלטן פון וויסן,
אַז קיין אָרעם קינד זאָל דערפון נישט קאָנען געניסן.

דער סטודענט, אָנגעטאָן אין אן אויסגענייט העמד,
באַגעגנט מיך יעדן מאָל מיטן זעלבן קאָמפּלימענט:
מיידל, האָסט אַ גוטן קאָפּ,
פאַל־זשע ביי זיך נישט אַראָפּ.
רוסיש וועסטו זיך אויסלערנען גיך
און וועסט   דיינע אײדעלע הענטעלעך
נישט דאַרפן בריען אין א קיך.
מיר נויטיקן זיך שטאַרק אין אַזוינע ווי דו.
איז צום לערנען דעם קאָפּ לייג צו.
דעם נאַכטיקן חשך טיף־געדיכט
פאַרטרייבט דאָס העלע מאָרגנליכט.
דער צאָרן פון פויער, פון ארבעטער דער ברויז
וועלן צעשמעטערן פון טיראַנען דאָס הויז.

מיידל ביסט נאָך יונג.
מיינע רייד ברענג פאר קיינעם
נישט אַרויף אויפן צונג.

זיינע ווערטער ברויזן.
מיט די לאַנגע, דינע פינגער
קעמט ער זיינע שוואַרצע, געדיכטע קרויזן.

זיינע אויגן פייכט און ברוין
קוקן אויף מיר
אין ליכטיקן הערשטוין,

און באָטש פון זיינע רייד
בין איך דערשראָקן און צעמישט,
פארשטיי איך אָבער, אז ער וויל,

אַז יעדעס קינד, זאָל האָבן אַ ווארעם קלייד,
און זאָל זיצן ביי אַ זאַטן טיש.

אין שטוב מורמלט מען:
אַז דער סטודענט, וואָס
איז פארטריבן אהער
ערגעץ פון אַרום דער דווינע,
איז אַ שטיקל צעדרייטער,
ער האָט ליב יידיש
און האַלט, אַז אויף די רעוואָלוציאָנערן
רוט די שיינקייט פון דער שכינה.

איינמאָל מיט אויגן פייכט און פול
טרעף אים אַ פארטראַכטן
זיצן אויף דער שטול.

טרויער פון זיין פנים שלאָגט.
ער קירעוועט אויס צו מיר
דעם קרויזן-קאָפּ און זאָגט:
איך האָב מורא,
אז אין גיכן וועט מען מיך פירן
אין לאַנד פון שניי און געפרירן.

איך טאָר נישט לאָזן
דעם טרויער אין האַרץ זיך אַריינקלייבן,
כאָטש איך האָב מורא,
אַז מען וועט מיך
קיין סיביר פארטרייבן.

די טרערן פארטריפן מיין געזיכט:
אין סיביר איז דער שניי
טיף און געדיכט.
וואָס טויגן מיר די ביכער,

אַז איר וועט פאַרוואַרפן ווערן
אין לאַנד פון פראָסט און געוויכער.

די גרויע פעדים
פון זיין פּאַפּיראָס
שווימען אויפן טונקעלן
שויבנגלאָז.

ער נעמט אָן מיין האַנט און זאָגט:
נישט שיין, אַז אַ מיידל וויינט און קלאָגט.
גרינג און גלאַטיק זענען שוין פאַר דיר
די כּללים פון דער רוסישער גראַמאַטיק.
דער פּלאַן דער בעסטער,
זאָלסט זיך לערנען צו זיין
אַ קראַנקן-שוועסטער.

טרעט אריין אין א יוגנט-קרייז
און מיט די ארבעטער שפּרייז
אין העלן שיין.
געדענק, אין טאָג פון זיג
וועל איך זיין צוריק.

סיי ווי, איידער די טייבן וועלן געמען פרירן,
וועל איך פון אָרט זיך רירן.
ערגעץ אין א פרעמד לאַנד איך וועל אַנטרינען.
איך וועל נישט זיצן און וואַרטן,
אַז מען זאָל מיך דאָ געפינען.

די חברים האַלטן,
אַז איך טאָר מער נישט פאַרלירן
קיין יאָרן פון שטודירן.

אין איינער אַן אלול-נאַכט
פאָרכטיק און פרום —

דאָס שטעטל ביים זאַמדיקן שליאַך
אין חושך זיצט פאַרשלאָסן און שטום —
טראָגט דער סטודענט
אַ גרויסע באָרד ברייט־צעקעמט
און אַ לאַנג, לייוונט פויעריש העמד.
ער שפּאַנט אויף דער לאַנגער בריק
און קוקט נישט צוריק.

אַזוי אָנגעטאָן אין קליידער פון א פויער
מיידט ער אוים די וואַך און טויער.

אין אַ פּאָר חדשים אַרום
קומט פון אים אַ בריוו:
דאָס האַרץ מיט טרויער
איז פאַרטריפט,
כאָטש די שוויין איז פּרעכטיק
און די בערג הויך און מעכטיק.
נאָר אין דער בענקשאַפט
בין איך שטענדיק
אין מיין ליכטיק שטעטל
ביי דער דווינע.
איך הער מיין מאַמעס געוויין
איבער דער תחינה.
זי בעט פאר איר זון, וואָס איז ערגעץ
אין דער פרעמד עלנט און אַליין.
איך שטודיר דאָ אין אוניווערסיטעט מעדיצין.
נאָך דער רעוואָלוציע וועל איך זיך באַזעצן
צווישן די גוטהאַרציקע יידן אין וואָלין.

די בערג דרימלען אין העלער רו.
מיט אלמאן טוליעט זיך צו וועלוולען צו:
איך וויל א ניי לעבן אָנהויבן.

אויך איך אין דער רעוואָלוציע
איך הויב אָן גלייבן.

איך רייס זיך פון דער שטוב,
ווי פון אַ קלעם.
אין דער גרויסער שטאָט איך קום
צו קרובים מיט א גוטן שם.

מיין באַגער דער גרעסטער
איז צו ווערן א קראַנקן-שוועסטער.

לערן איך אין אַ שוועסטער-שול.
און איך דערקען דאָס לעבן,
וואָס איז מיט ליידן פול.
נאָר איידער-וואָס-און ווען,
פאַלט איין מיין לעבנס-בריק.
מען קאָן נישט באַשרייבן
מיט קיין שום פען
די שרעק און פיינען
פון אומגעריכטן קריג.
שטיבער טראָגן זיך אויף פלאַמענדיקע פליגל.
אין האַרבסטיקע אינדערפריען פליען אין פלאַקער
ווענט פון ברעט און ציגל.
פאָלק מיט פאָלק אין געפעכט.
מען וויסטיקט און מען שעכט.
אין רוסלאַנד ברויזט דאָס פאָלק אין צאָרן:
מיר דאַרפן פאַבריקן און פולע פעלדער מיט קאָרן.
באָרוועס, אין אן אַלטן, לאַנגן כאַלאַט
שרייט דער רויטער סאָלדאַט:
איך שווער טרייהייט
דעם שלום און דער פרייהייט.
מיט פערד און וואָגן
האָקטוירים און קראַנקן-שוועסטערס
קיין מאָסקווע זיך טראָגן.

סאָלדאַטן מיט לייבער אין פיבער אָנגעצונדן
גייען אויס אין ווייטיק
פון די ברענענדיקע ווונדן.
מיד און מאַט
איז מיין יונגער גוף אין ווייסן כאַלאַט.
גאַסן — קעלט און קויט.
אַ געווינס איז אַ שטיקל שוואַרץ ברויט.
מיט הערצער, וואָס צאָרנדיק זידן,
חתמענען פעלקער פאַפירלעך פון פרידן.

מיט אויגן פולע מיט טרערן
מען דערלויבט מיר קיין פוילן
זיך אומקערן.
דאָס פריצישע פוילן
וויל די יידן אויסקוילן.

נאָענט ווערט מיר איינער אַ חבר,
וואָס וויל פון נעכטן אראָפּשאָבן
שימל און זשאַווער.
וואָרים סאָציאַליזם איז די פראָגראַם,
וואָס צינדט פון פרייהייט דעם פלאַם.
מיין חבר אין תפיסה ווערט פארקלעמט.
און איך זוך אַ וועג
צו אַנטלויפן ערגעץ אין דער פרעמד.
דערווייל אין פרימאָרגנס פלאַטערט אויף דראָטן
די פאָן פון רויטן טוך.
און איך אין ווייסן כאַלאַט, אין ווייסן שוך,
האָרעווע פארן שטיקל ברויט,
און קאָן אַלץ נישט פארטרייבן
פון הויז די גריזשענדיקע נויט.
שרייב איך צו מיין מומען אין קאַנאַדע
און איך בעט:
נעם מיך צו דיר אין לאַנד פון זעט.
ענטפערט די מומע: ווי איז מיר און ווינד,

דו ביסט פון מיין ברודער דאָס איינציק־געבליבענע קינד.
איך וועל זיך אָנשטרענגען.
און דיך צו מיר ברענגען.
לאָז איך וויסן מיין חבר,
אַז קיין קאַנאַדע וועל איך פאָרן.
איך וועל האָרטן פון מיין ביסן שפּאָרן.
מיינע טעג וועלן זיין אַרומגענומען מיט טרויער,
ביז מען וועט עפענען פאַר דיר פון תפיסה דעם טויער.
איך וועל דיך איבערנעמען. מירן ווערן מאַן און פרוי.
ווייל מיט מיין גאַנץ האַרץ האָב איך דיך ליב אַזוי.
טראָג איך מיין בענקשאַפט פאַרבאָרגן, שטום,
ביז איינמאָל פון מיין מאַמען אַזאַ בריוו איך באַקום:
„מיין טייער קינד, דיין בחור וואָס איז שוין פריי,
מיט אַ צווייטער פירט שוין אַ ליבע אויפסניי.
פאַרליר נישט צוליב אים קיין איין טרער,
ווייל מיט אַזאַ פאַרשוין וואָלט דיין לעבן
תמיד געווען טרויעריק און שווער“.

בין איך דאָ פאַרשפאַרט
אין מיין וויי,
און מיך אַרט נישט —
זומער צי ווינטער,
זון צי שניי.

איצטער איז מיין לעבן ווידער גאַנץ
און מיין ליבע ריין.
מיין האַרץ איז אַ קוואַל
פון ליכטיק געוויין.

וועלוול קלאַמערט זיך אין איר איין.
בערג, ביימער און בלומען,
אין שיין פון לבנה שווימען.

דאָס געמעל

נאָדל־בוים אין דער שטילקייט אַריינגעשטאָכן.
דער טייך דער ליכטיק־ריינער
שאָבט די שטיינער און שווענקט
די לאַנגע פעדים פון די גרינע מאָכן.

אין פעלד גאָלדיק, צעהעלט,
שטייט דער מאָלער גאָרין
און מאָלט אַ געמעל:

די זון ברענט
אין די בלויע הימל־ווענט.
א שטוב. אַ הונט ביי דער שוועל.
ער מאָלט אַ פרוי מיט האָר פון גאָלד.

א קינד אין אַ וויגל
ציט מילך פון איר קליינער ברוסט,
ווי פון א ווייס קריגל.

דער מאָלער גאָרין מאָלט א געמעל:
א יעגער טראָגט אַ הירשן־פעל.
אַ טאָל. א שטאַל.
צווישן שטיינער בלעזט אַ קוואַל.

וועלוול בליקט און רעדט אנטציקט:
די ליבע איז דאָ נישט פאַרדעקט אין אַ קלייד.
ליכטיק אָפן איז פון גלוסט די פרייד.

מיט אַזאַ ליבע קאָן מען גיין
אויף די שפּיצן פֿון פֿעלדזנשטיין.

דער מאָלער גאָרין שטייט אין פֿעלד.
דער הימל העלט.
אין טאָל בליען די בלומען.
עס בלענדן די קאָלירן, וואָס
פֿירן צום ווייסן הויז
מיט די אָפֿענע טירן.

אַ בריוו צו אַ חבר אין שטעטל

מיין טייערער
פרעגסט ווי איך לעב?
איך באַוווּנדער די בערג אין טויאיקן רויך
און דאָס געשוועב פון די פייגל אין דער בלויער הויך.
ווילסט וויסן וואָס איך מאַך?
איך בין פאַרוואָרפן, ווייט פון טומל און כרך.
איך מיש די בלעטער
פון הייליקן תנ"ך,
און זוך אין די ווערטער
פון טרייסט די שפּראַך.
איצט איז זומער.
זון און זאַמד גליט.
דער וועג הורך גראָזן ציט.
אַ שלאַנג קנוילט זיך
אויף דעם שטיין דעם מאָביק-קרומען.
די גאַנצע וועלט מיט שטילקייט איז ארומגענומען.
אין וואַלד שאָטנט מיין געשטאַלט.
אין מיינע טריט דער טרויער
פון א פאַרוואָגלטן ייד.
אין דער שטיינערנער שטום,
איך זוך די רו אַרום.

גרינער טאָל ביי דער זייט.
דער באַרג בלענדט אין דער ווייט.

אין וואלד די שאָטנס אנטרינען.
אַ פעדימל — פרייד אין הארץ
נעמט זיך שפינען.

יאָ, זאָג אַלעמען אין דער היים,
אַז גאָרנישט פעלט מיר
צווישן די בערג פון שטיין.

דיין וועלוול גרינבלאט,
וואָס האָט פרי די נויט דערקענט,
און איצט איז ער אין אַ סאַנאַטאָריע אַ פאַציענט.

עס וועט פּאַסירן

אין קאַלטן טוי פון דער בלום
גאָלדיקט די פרימאָרגן-זון.

עס זילבערט די גראָזיקע ערד.
ווענלול שפּרייזט און באַגערט:
אַז די ליבע, פון לעבן דער תוך,

זאָל מיט איר פרייד אָנפילן
אַלע יונגע טעג פון דער וואָך.

ווענלול שפּרייזט און זיין גלוסטיק געביין
ציט אין זיך דעם שאַרפן ריח
פון פייכטן מאָך אויף קאַלטן שטיין.

פון פרייד דעם טייער
פאַרשליסט אָפּט דער טרויער:
וואָרעם, אַז די ליבע זאָל נישט
ברענגען קיין פּיין,
דאַרף אין שטוב זיין: אַ טיש מיט זעט,
א טעלער, א לעפל, א שטול און א בעט.

און מיט וואָס קומט ער צו איר?
מיט א ליד אויף א בויגן-פּאַפּיר.

אין לויטערן ליכט די ליבע בלענדט.
און ער קומט צו איר
מיט צוויי ליידיקע הענט...

פרימאָרגן. עס יאָמערט די באַן.
אין זאַמד זינקט דער שפּאַן.

שאָטנס ליגן אויף די פעלדזענע שטיגן.

וועלוול פאַרטרייבט דעם טרויער.
ער ווייסט עס וועט פאַסירן:
דער הימל דער בלויער
וועט פאַרן ליכטיקן מאָרגן
עפענען אַלע זיינע טירן.

ליבע און טרויער

דושאָ פּערלמאַן

דער יונגער דושא פּערלמאַן מיט די רויטע פּלעקן
דערציילט וועלוולען, אַז ער לערנט זיך פֿאַרן טויט נישט צו שרעקן.

איך ווייס, איך בין מסוכן־קראַנק
און יעדער טאָג איז פֿאַר מיר א געשאַנק.

צו די ווייטע, גרויע יאָרן
וועט מיין לעבן נישט דערפֿאָרן.

חדשים, וואָכן, טעג.
דער טויט ליגט און לויערט
אויף אָט דעם קורצן פּיינען־וועג.

זונטיק־פֿרי, ווען דער גאַנצער „וואָרד” רוט,
טוט ער זיך אָן דעם העלן הוט
מיט די שוואַרצע, שיינענדיקע שיך,
און רעדט צו זיך:
מיט דער גלוסט אין די קראַנקע יאָרן
וועל איך גיין זען די „באַטים”, וואָס
וואַרעמען די ווייסע, הויכע בעטן
אויפֿן ערשטן גאָרן.
ער קערט זיך גיך צוריק
און זאָגט: אַפֿילו אַ קראַנקער,
דאַרף זיך האַלטן אין לעבן,
ווי אין שטאַרקע שטריק.
און אויב אַ קראַנק מיידל בענקט נאָך אַ געליבטן,

וואָס זאָל איר ברענגען אַ רויטע רויז,
דאַרף אין איר יונג בלוט לויפן
פון גלוסט דער ברויז.
ער זעצט זיך אויף דער רו־שטול
און דערציילט וועלוולען פון זיין לעבן,
וואָס איז מיט טרויער און פיין פול:

דאָ אין ווייסן הויז, ביי דער פעלדזנוואַנט,
איז נישט וויכטיק מער דאָס געבוירנלאַנד.

אין אַ קליין שטעטל מעבר לים
מוטשעט זיך נאָך אַלץ
מיין אָרעמער שטאם.

די פאָר רייכע לייט
מיט די מעבלירטע צימערן
לופטיק און ברייט
באָדן זיך אין די פאַרגעניגנס פון דער עולם הזה
און האָבן נישט קיין רחמנות אויפן אָרעמאַן,
וואָס האָט אַפילו נישט קיין קאַפּל מילך פון א קאָזע.

אין אונדזער אַלט ירושה־הויז,
ווו דער טרויער גרויט,
סטייעט נישט פאר די זיבן מיילער
קיין ברויט.
מיין טאַטע דער ווייסער מלמד,
דאַוונט נאָך שבת און יום־טוב פאַרן עמוד.
ער איז אויסגעמאָרעט און געל
און קיינמאָל קאָן ער נישט אָפּשפּאָרן
קיין גאַנץ קערבל צו קויפן אויף איינמאָל
אַ פאָר פוד ווייצן־מעל.

און אָט קומט דער קריג —
דער בלוטיקער געוויטער.
דער דייטש שטראָפט
און פֿאַרנעמט ביים פּויער
פערד, קי און שאָף
און שלאָגט אויפֿן הוילן לייב
מיט דין־ווייכע ריטער.
דער אָקופּאַנט צינדט
פון הונגער און קרענק די בראַנד.
שפּייז און קוילן
פֿאַרערט דער קייזער פון פּוילן.
מען היט איטלעך איינעם דעם שפּאַן.
מען פֿאַרנעמט די תבואה, דאָס פֿאַרזשאַווערטע אייזן,
די קוואָרט און די קופּערפּאַן.
אַלץ איז פֿאַרן זיג,
אַפילו דעם מלמדס נעבעכדיקע ציג.

איך בין דער לעצטער פון זיבן זין,
לאָז איך זיך אַוועק קיין ווין.
אַ גאַנצן טאָג לערן איך זיך
פון צושנייַדערײַ דאָס פאַך
און אין אָוונט שטאָפּט אין מיר
דעם באַלעבאָס טאָכטער די דייטשישע שפּראַך.
איך בין אַ שעמעוודיקער בחור אַ יונגער,
דער טעלער הייסע זופּ שטילט אַ ביסל דעם הונגער.
דורכגעזאַפּט מיט בלוט זענען די פעלדער פון שלאַכט.
אָבער אין די ווינער גערטנער טאַנצן מיידלעך
מיט אָפיצירן ביז שפּעט אין דער נאַכט.
איז וואָסושע האָב איך פון דער שיינער שטאָט ווין.
עס סטייעט מיר נישט אויף קיין ברויט
פון דעם וואָס איך פֿאַרדין.
אַלץ איז אויף קאַרטן.
נאָכן ביסל שפּייז וויל דאָס פֿאָלק
לאַנגע שעהן אין דער ריי מערנישט וואַרטן.

ענדליעך און דאָס הונגעריקע ווין
ווייסט, אַז אין קעניגלעכן פּאַלאַץ
זיצט אַ מעכטיק־גרויזאַמע שפּין.
שפּאַנען מענטשן אין די גאַסן,
טראָגן רויטע, ברייטע, פּאַפּירענע פּאַסן.
פּאָנען, לאָזונגען און פּראָגראַמען:
רוצחים פֿאַרלעשט פֿון מלחמה
די פֿייער־פֿלאַמען!

וואַרפט מען אַראָפּ דעם קעניג.
דאָס פֿאָלק ווערט
דער נייער מאַכט אונטערטעניק.
די נייע מאַכט זאָגט צו צו געבן
דאָס נייע גליקלעכע לעבן...

איך דאַרף שוין מערנישט
זיין אויף דער לער.
איז פֿון מיין פֿעטער
אין קאַנאַדע איך קלער.
שרייב איך מיין פֿעטער
פֿון מיין ביטערער לאַגע.
ענטפֿערט ער: אַז ער דאַרף מיך אַריבערנעמען
איז נישטאָ ביי אים קיין שום פֿראַגע.
נאָר ער וויל, אַז איך זאָל נישט מיינען,
אַז דאָס קאַנאַדע איז אַ זיס שטיק שאָקאָלאַדע...

דער טייערער פֿעטער פֿרייט זיך און קוועלט,
ווען אין אַ פּאָר חדשים שפּעטער
טרעט איך אַריבער זיין היימישע שוועל.

איך צי אַרויס פֿון מיין קלומיקל
דאָס שטריקל מיטן קנופּ
און איך בלייב אין אַ צימערל
ביים פֿעטער מיט קינדער אַ פֿולע שטוב.

די מומע שטענדיק פארפאָרעט און פארפלאָגט,
דאָך צום טיש די געשמאַקסטע מאכלים
זי טראָגט.

אַלע מיינע גלידער זענען מיט מידקייט אָנגעזאַפּט
ווען איך קער מיך אום באַנאַכט פון שאָפּ.
אָבער מיר איז גוט אין פעטערס הויז.
איך גיי אויף קורסן און לערן זיך
ענגליש און פראַנצויז.

איך בין פריילעך, איך בין יונג.
אָבער פון אַמאָליקן הונגער
איז געלעכערט די רעכטע לונג.
פּלוצעם פאַרליר איך דעם אַפּעטיט
און דערשלאָגן ווערט מיין געמיט.
מיידלעך, לבנה און שטערן־שיין
קאָנען נישט פארטרייבן פון מיין האַרץ
די שרעק און די פּיין.

און אָט בין איך דאָ. איך עס און רו
און איך קוק צו דער לאָנקע,
וו עס פּאַשעט זיך די קו.
אין ווייסן הויז איז געשמאַק דאָס ברויט,
פריש דאָס איי, נאָר עס ווייזט די „עקסרעי",
אַז פאַמעלעך ברענט אוים
אין מיר פון לעבן די קנויט.
אָבער גרינגער ווערט נישט פון דער טרער.
איטלעך איינעם איז דאָס שטאַרבן שווער.

יאָ, מיין גוטהאַרציקער פעטער וויל ברענגען אַהער
טאַטע־מאַמע און מיינע זעקס ברידער.
וואַרעם וואַסער וועט ליפן פון דער רער.
אַלע וועלן דאָהי האָרעווען מיט די יונגע גלידער.
דאָהי וועט ביי אונדז אין שטוב

שוין סטייען פאר יעדן
ברויט און פלייש און זופ.

דו, וועלוול, וועסט פונדאַנען אינגיכן אַרויס.
יעדן פרילינג זאָלסטו אויף מיין קבר
אַוועקליינן אַ רויטע רויז.
דאָס ווייסע הויז נישט פאַרגעס.
טראָג שטענדיק די פרייד, ווען
אין טאָל בלויען די ביימלעך־בעז.

זיי נישט אָפגעזונדערט, זיי נישט וויים
פון פראָסטן עולם, פון אונדזערע לייט.

דערמאָן אין דיינע לידער,
אַז דער אָרעמאַן איז אומעטום
אין נויט און אין נידער.

פערלמאַנס גרין־דערשראָקענע אויגן
מיט טרויער אָנגעזויגן.
ער שטייט־אויף פון דער רו־שטול
און זאָגט: איך מעג שוין ברעכן יעדן „רול",
מיר וועט שוין נישט העלפן קיין מעדיצין,
און דאָס שטרענגע אָפהיטן די דיסציפלין.

דער גאַנצער „וואָרד" רוט.
פערלמאַן ציט פון זיך אראָפ דעם בלויען סוט.

די גרינלעכע קימאָנע
מיט דער רויטער שנור,
וויקלט ווידער אַרום
זיין הויך־געבויגענע פיגור.

דושאָ פּערלמאַן שטאַרבט

צום לעצטן מאָל אין פֿיבער
זעט ער דעם טאָל מיט די ווייסע שטיבער,
וואָס שווימען אין גרוי פֿון נעפּלדיקן טוי.

ער בלוטיקט און הוסט.
אַן אייז־זעקעלע קילט זיין ברוסט.

פֿון דער נאָדל לאַנג און דין
די פֿליסיקייט אין אָרעם רינט.

די שויבן שימערן אין שטערן־שיין,
דער גוסס מורמלט אין פּיין.

וויים געזיכט.
דער טויט מיט זיין קאַלטן ווינט
פֿאַרלעשט פֿון לעבן דאָס ליכט.
ווערלוול וואַך, ליגט פֿאַרשלאָסן
אין די שאָטנס פֿון דער נאַכט.
אים דאַכט זיך, ער זעט
איבער זיין בעט:
שאַרפֿע שווערדן טריפֿן בלוט
אין די שטומע, שאָטנדיקע טיפֿן.

אין גאַנג

וועלוול האָט ליב די שטייניקע ערד.
אָפט אין בענקשאַפט ער באַגערט
צו שפּרייזן אין דעם פאַרנאַכטיקן אַרום
און טרוימען פון די וואַנדער, וואָס
זענען פאַרסודעט אין דער טיפער שטום.

ער שפּרייזט צווישן טייכן און טאָלן,
צווישן גרינע לאָנקעס און וועלדער,
אָנגעטאָן אין גרין־גרויע קאָרע־שאָלן.

מיטן ווינט, וואָס טעסעט
די פעלדזענע טרעפּ,
ער שפּרייזט איין־אליין
אין שטומען סטעפּ.
ביים פאַרמער אין מויל זשאַרעט זיך
די פייקע אָנגעשטאָפּט מיט טאַבאַק.
די נייע קאַרטאָפל שמעקן מיט פריש ערד
פון פולן זאַק.
דער הימל צעשטראַלט און רויט.
די פאַרמערקע ביים פּלויט
שמייכלט גוטמוטיק, באַגריסט און בענטשט:
מיט גליק דיין קומען פרעמדער מענטש.
א שטוב, אַ שוועל, אַ האָלצערנע באַנק,
דורכגייער, רו אָפּ פון גאַנג.
ביסט אויף אַ ניי אָרט.

טרינק קאַלטן עפּל־זאַפט
פון דער גאַנצער, פולער קוואָרט.

נעכטיק איבער די נאַכט,
און ביים לאָמפּן־קנויט,
איינגעטונקען אין פרישן נאַפט,
דערציייל פון דער שטאָט, ווו
דאָס פּנים פון הימל
איז פאַרצויגן מיט דראָט.

דער פּאַרמער, פאַרברוינט און יונג,
פאַרבעט אים גאָר כאַפּן
פון קאַלטן ביר אַ טרונק.

וועלוול דאַנקט:
איך מוז נאָך פאַר אַ ווייל
אויסמיידן דעם שאַרף־ביטערן געטראַנק.

דער פּאַרמער ווינקט מיט ליכטיק־הייסע אויגן:
קום מאָרגן, וועל איך דיך פירן צו מיינע היי־סטויגן.
די זון זעצט זיך איבער די בערג.
די פאַרמערקע טרייסלט מיט די רויטע, לאַנגע צעפּ
און זאָגט: איך האָב פיינט דעם רויש
פון די שטאָטישע מערק.
דאָ אין זונפאַרגאַנג שטראַלט יעדער שטיין
אין אָפענעם פעלדזן־סטעפּ.
זי הוידעט זיך
אויף די הויכע, פאַרברוינטע פיס,
זי לאַכט און ווינטשט:
דורכגייער, אין דיין יונג האַרץ
די גלוסטונג צו יונגע פרויען פאַרשליס,
וועט גאָט גיין מיט דיר אין פריד
און וועט תּמיד היטן דיינע פרומע טריט.

דער פאַרנאַכט איז בלוי.
דאָס גראָז וויים פון טוי.

וועלוול שפּרייזט צוריק.
און די זון וואַרפט אויף די ביימער־שפּיצן
אירע רויטע שטראַלן־שטריק.

דאָס וואַסער, פריש און ריין,
שלאָגט פון צעלעכערטן שטיין.

דער שערער איזי געלבער

וועו עס איז איזי געלבער
אויפן האַרצן גוט,
שמייכלט ער און גריסט אַלעמען
מיטן שטרויענעם זומער־הוט.

איזי געלבער מיטן יונגן פּנים
און מיטן קאָפּ האָר געדיכטע און גרוי
פאַלט אָפּט אַריין אין גרימצאָרן
צוליב זיין פרוי, וואָס האַלט
„אַ באָרדער" ביי זיך אויפן פערטן גאָרן.

זונטיק טרייסלט זיך פון כעס זיין גאַנץ געביין:
מלכהלע, מיר איז גוט דאָ צווישן דעם שטיין.
קום מיך נישט באַזוכן און ברענג מיר נישט
קיין „אָרענדזשעס" מיט קיין פיינקוכן,
איך ווער מסוכן־קראַנק,
ווי נאָר איך הער פון דיין ווייגענדיקן קול
דעם פאַלשן קלאַנג.
קומסטו צוגיין,
ווייל נאָך מיין טויט,
ווילסטו נישט בלייבן
קיין איין טאָג אַליין.

מלכהלע וויינט:
הער מיך אויף מיט דיינע ווערטער שטעכן,
וואָרעם מוזטו מיך פאַרשעמען און צעברעכן?
אַלץ וואָס איך בעט —

זאָלסט מיר געבן א תנאי־גט.
איך שרעק מיך פאַר דער שאַנד,
טאַמער וועל איך חלילה
דאַרפן נעמען חליצה אין היגן לאַנד.

איך שווער:
איך האָב דיך ליב,
און טאַקע קיינעם נישט מער.
איך בעט גאָט זאָלסט ווערן געזונט,
און דו באַגייסט זיך מיט מיר,
ווי איך זאָל זיין אַ הונט.

איזי כעסט:
עס רעדט דאָך די גאַנצע גאַס,
אַז מיטן שוואַרצן פייפקען טוסטו מיך פאַרראַטן
און אַפילו קיין גאַנץ יאָר וועסטו נאָך מיין טויט נישט וואַרטן.
איזיס כעס זידט:
איך קאָן שוין מער נישט פאַרטראָגן דיינע טריט.
דאַרפסט נישט קיין גט,
קריכסט סיי ווי צו פייפקען אין בעט.

די קליינע מלבהלע מיטן קיילעכדיקן פּנים
מיט זומער־שפּרענקעלעך פאַרצויגן
פאַרמאַכט אויף אַ ווײלע פון בושה די אויגן.
אויפן שטול ביי זיין בעט
זי זיצט א וויינענדיקע און רעדט:
מיט דיינע רייד האַקסטו מיר אין קאָפּ,
ווי מיט שפּיציקע פלעקער.
ווייסט גאַנץ גוט, אַז אַלץ איז שוא ושקר.
דו ליגסט נעבעך אין ווייסן הויז,
אין דעם שטומען פעלדזן־סטעפּ.
און איך יעדן פאַרנאַכט, נאָך דער אַרבעט,
קלעטער איך אַ מידע אויף די הויכע, הילצערנע טרעפּ.

איזי זאָגט גאָרנישט מער.
אויף זיין צעגליט פּנים
גליטשט זיך אַ טרער.

ווערט אָוונטיק און שפּעט.
מלכהלע געזעגנט זיך און רעדט:
איך דאַרף שוין גיין צו דער באַן.
זאָל גאָט דיר פאַרגעבן מיין מאַן
און דיר שענקען לאַנג לעבן.

אויף איזים פאַרלאַנג
באַגלייט זי וועלוול
אויף איר טרויעריקן גאַנג

דאָס געוויין אין זיך זי דערשטיקט,
ביז זי קומט צו דער הויכער בריק.

מלכהלע שפּרייזט אין אָוונט־שיין
און רעדט פון איר פּיין:
גאָט זאָל זיין מיין היטער.
איך ווייס מיין איזין
איז וויסט און ביטער,
דעריבער טראַכט ער אויס
אויף מיר בלערליי ליגן.
ער ווייסט גאַנץ גוט,
אַז מיט מיינע מידע פיס
קאָן איך קוים אַרויפקלעטערן
די הויכע הילצערנע שטיגן.

אין זיינע אויגן העל און קלאָר
זיצט דער פיבער שוין דאָס צווייטע יאָר.
יעדן טאָג איך לויב,
וואָס ער שלינגט נישט
אין שטאָט דעם שטויב.

נו, איז כאָטש ער טרינקט דאָ
די פרישע לופט
פון די הויכע, שיינע בערגער.
זאָגט דער דאָקטער,
אַז עס ווערט אים ערגער.

דער גרינער יונגערמאַן פייוול ברומער
איז אַן איידעלער און אַ פרומער.
ער איז א גוטער „באָרדער“.
און דאָנערשטיק פאַרנאַכט
קויפט ער מיר איין אויף שבת
דעם גאַנצן „אָרדער“.
אין זעלביקן „פלעט“,
אין מיין „רום“ שטייט אויך
מיין קוזינעס בעט.

עס ליגט מיר נישט אין קאָפּ
קיין ליבע, דערצו זינד.
הלואי וואָלט איך פון מיין איזין
איצט געהאַט אַ קינד —
איר מעגט מיר גלויבן.
אַזוי זאָל מיך נאָך גאָט דערהויבן.
מיין איזי ליגט דאָרטן אין ווייסן הויז,
מוטשעט זיך און קרענקט
און מיין טרויעריק האַרץ
נאָך אים בענקט.
אודאי טוט מיר דאָס האַרץ קלעמען:
הלמאי זאָל ער וועלן
מיט חליצה מיך פאַרשעמען.
פאַרוואָס מוז ער פאַרן שטאַרבן
מיר צעברעכן און איבערלאָזן
ווי אַ צעבראָכענעם שאַרבן?
גאָט זאָל אייך העלפן,
גאָט זאָל אייך היטן,

זעט, ער זאָל מיך גטן,
איידער ער ווערט פאַרשניטן;
כאַפּט מיט אים אַ שמועס,
ווען איר טראָגט אים צו
אַ גלאָז „אָרענדזשוס“.
וואָרעם צו יעדן רב
וועל איך מיין צער טראָגן,
ביז איך וועל זיך
נאָך אַ תנאי־גט דעשלאָגן.

וועלוול נעמט זי איין —
איך ווייס: צו נעמען חליצה
איז אַ בושה, איז אַ פּיין.
אייער מאַן אויסגעדאַרט — הויט און ביין —
דאַרף פילן, אַז ער איז נישט איבעריק און אַליין.
ער איז טיילמאָל אַזוי שלאַף,
קוים ער טרינקט אויס
פון גלאָז דעם מאַראַנצן־זאַפט.
און בכדי אים נישט אויפצורעגן,
איז אפשר גלייכער נישט צו רעדן דערוועגן.
אין אַ טאָג פון גרינגן מוט,
ווען ער וועט אַזש וועלן טראָגן
זיין שטרויענעם זומער־הוט,
וועל איך וואַגן אים זאָגן:
אַז אַ פרוי ווי מלכהלע אַזוי שיין און יונג,
טראָגט מיט ליבע דיין קידושין־רינג,
איז פאַרוואָסזשע דאַרף מען דיך בעטן,
זאָלסט באַצייטנס זי גטן?
מלכה הערט און קוקט אויף אים
מיט אויגן טרויעריק, פאַרטרערט.

דער פאַרנאַכט בלויט אויפן גאָרטן־פּלויט.
מלכהלע וויינט און ווינטשט אים:
ער זאָל נישט וויסן פון קיין קרענק און נויט.

װעלװל קערט זיך צוריק אין „װאָרד“.
איזי, פֿון פֿיבער רױט, ליגט אין בעט,
קוקט אויף מלכהלעס טאָרט און מורמלט:
איך װעל איר נישט געבן קײן תּנאי־גט...

איזי דערציילט

איזים אויגן פון צאָרן ראָז
בלענדן ווי געשליפענע שטיקלעך גלאָז.
אויף זיין פאַרצויגענער הויט,
דער טרויער פיבערדיק רויט.
ער ציטערט און צאָרנט:

דאָס לעבן איז נישט קיין טאָפּ מיט שמאַלץ,
יוען מיט אַזאַ ווי מיין מלכהלע, מען הויבט אָן דעם וואַלץ...
איך בין נאָך יונג און גרוי איז שוין מיין קאָפּ.
איך בין ווי אין פעלד אַ פאַרגעסענער סנאָפּ!

ער הויקערט איין זיין ביינערדיקע הויך,
זיינע דאַרע, געלע הענט באָמבלען זיך
אויף זיין איינגעפאַלענעם בויך.
ער רעדט און ציט אין צאָרן
זיין דינעם, געאָדערטן האַלדז:
מיין מלכהלע אין ווילנע געבאָרן,
קומט דאָ צו מיר יעדן זונטיק,
וויינט און גוגערט ווי אַ גאַנדז.
שוין איינמאָל אַ פרוי!
זי זעט, איך ליג אָפּט אין בעט
און איך ברען ווי אַ שטרוי,
און זי כאָטש דורך פּאָטשט
שיק איר דעם תנאי־גט.

פאַר מיר נישט זי דאגהט,
נישט איר ארט,

אַ גט האָט איר צוגעשפּאַרט.
וועלוול, זעסט אַ מיידל זאַפטיק,
זים ווי אַ קאַרש,
הויב די פיס און מאַרש!
אָט איז פון מיין ליבע די געשיכטע.
מיין לעבן שווימט אין איר,
ווי אַ כמאַרע אַ געדיכטע:
איך בין אַ שערער, אַ שיינער און אַ הויכער.
מען האַלט, אַז איך מאַך מערער ווי אַ סוחר.
פון מיין שערעריי, דעם פּרנסה־קוואַל,
פאַרגין איך זיך אָפט אפילו
אַרויסצונעמען מלכחלען צו אַ באַל.
איך בין אַ גוטער פאַרדינער.
פון מיין טיר גלאַנצט די שילד
מיט דער אויפשריפט דער גרינער.
מיר איז גוט.
איך גיי אַרום און קוועל
פון מיין מלכהלען מיט דער שיינער צורה פריש און העל.
זומער גיי איך מיט איר אויף דער ברייטער גאַס,
איך קויף איר „מאָראָזשענע", זי קושט מיך און זאָגט:
מיין טייערער איזי, איך וועל אויף דיר קיינמאָל נישט ווערן אין כעס..
זי איז אַ רירעוודיקע און אַ שיינע מיט אויגן טיף־גרינע און ריינע.
זי נעמט זיך מיט דעם איבער און רעדט פון לעבן ברייט
און פון שיין־מעבלירטע שטיבער.
נו, שרייב איך מיין ברודער אין קאַנאַדע:
„פון איין שטוב מיר שטאַמען.
שוין אוודאי צייט צו זיין צוזאַמען.
איך שרייב אים אויך,
אַז איך רייס זיך נישט
אין רייכקייט צו קלעטערן הויך.
מיט מיין מיידל איך וויל חתונה־האָבן,
אַז זי זאָל נישט דאַרפן מער דינען
אין דעם גבירישן הויז און די דילן דאָרט שאָבן".

קום איך קיין קאַנאַדע,
און אין אַ יאָר אַרום איך ברענג אַריבער מיין מלכהלען
און מיר קריגן אַ צימער ביי מענטשן פיין און פרום.
אָבער דאָ קומט זי אַרויס מיט רייד,
אַז מיר לעבן נישט גענוג ברייט.
איך טענה: איך בין אַ באַרבער,
און די ערשטע יאָרן מוז דאָס לעבן
דאָהי זיין אַ האַרבער...
זיי צופרידן, מיר האָבן אַ דאַך,
איך אַרבעט, און מיר קויפן
פון צייט צו צייט אין שטוב אַ נייע זאַך.
ענטפערט זי מיר:
דאַרפסט נישט זיין קיין באַרבער,
פאַרקוק זיך בעסער אויף שמואל דעם פאַרבער,
וועמען גאָט האָט געטאָן בענטשן,
און עס אַרבעטן שוין פאַר אים עטלעכע מענטשן.
ער האָט אַ קאַר און אַ טראָק,
און הייזער אַ האַלבן בלאָק.
דער געלער שמואל האָט ברוינע, ברענענדיקע אויגן
און זיינע הענט צו אַלצדינג טויגן.

פלוצעם קריג איך היץ.
איך ליג אין בעט און שוויץ.
זאָגט דאָקטער מאַכלין:
מיסטער געלבער, איר זענט ערנסט קראַנק.
אין סאַנאַטאָריום וועט איר דאַרפן ליגן לאַנג.
בין איך שוין דאָ יאָרן צוויי
מיט ווי אַ פולינקע מאָס.
ווינטער זענען די בערג באַדעקט מיט סטויגן־שניי,
און זומער איז דער טאָל באַצויגן
מיט געדיכטן, גרינעם גראָז.
אָבער וואָס טראָגט פאַר מיר די ריינע לופט פון די בערגער,
אַז מיט יעדן טאָג ווערט מיר ערגער.
יאָ, מיין מלכהלע איז נאָך אַלץ רירעוודיק, דין און שיין,

און אירע אויגן זענען נאָך אַלץ טיף-גרין און ריין.
זי מוז נעבעך האַלטן אַ באָרדער,
און זי איז זיך גאָר מחיה,
וואָס דאָנערשטיק ביינאַכט
ברענגט ער איר אַהיים
אויף שבת דעם „אָרדער".
און אפשר איז זי מיר נאָך אַלץ געטריי.
און וואָס איז דאָ די עוולה, וואָס
זי וויל נישט דורכגיין די בושה פון חליצה
און באַצייטנס ווערן פריי.
איר איז גאָרנישט לייכט.
איך זע דאָך דעם ווייטיק אין אירע אויגן,
וואָס זענען טרויעריק און פון טרערן פייכט.

אויף איזים פנים פול מיט פיין
שטילט דער צאָרן זיך פּאַמעלעך איין...

איזי, אַ פּיבערדיקער אויפן בעט,
קיקט אַ שווייגנדיקער און זעט:
ביימער, בלומען אין גאָרטן,
אַרומגענומען מיט נאַכט אין שאָטן.

דער גט

מים אלמאַן, וואָס שטייט ביים קראַנקן צוקאָפּנס,
קוקט טרויעריק איז גלאָז מיטן גלעזערנעם רערל,
ווו אין קאַלטן וואַסער שווימען
די בלוט־טראָפּנס ווי רויטע פּערל.

דער סופר מיטן גראָבן גאַרטל
אויפן פולן, קיילעכדיקן בויך
רעדט שטרענג און הויך:
מיסטער גאַרבער, איר זענט דאָך
חלילה נישט קיין כופר,
איז איידער עס ווערט שפּעט,
גיט אייער ווייב איצט אַ גט.
בזכות זה וועט גאָט זען אייער פּיין
און איר וועט נאָך לאַנגע יאָרן
זען די זון און איר ליכטיקע שיין.

דער רב מיט דער שוואַרץ־שפּיציקער באָרד
שטייט ביי זיין בעט אין ווינקל פון „וואָרד"
און רעדט צו אים בעטנדיק און שטיל:
אייער פרוי קומט פון אַ פרומער, ערלעכער משפחה,
באַוויליקט און גיט איר א גט,
און גאָט דער בעל־הרחמים
וועט אייך שיקן פון הימל זיין ברכה.

ביים רב ציטערן די ברייטע, שוואַרצע ברעמען:
מיסטער גאַרבער, איר וועט נישט האָבן קיין מנוחה

אין קבר, אויב איר וועט אַזאַ יידישע טאָכטער
לאָזן פאַרשעמען.
גיט איר גלייך דעם תנאי־גט,
און אין דעם זכות וועט גאָט העלפן,
אַז איר וועט נאָך אַ געזונטער אַראָפּ פון בעט.

איזיס פיבערדיק געביין
טרייסלט זיך אין געוויין:
איך וועל איר געבן אַ גט,
דער מלאך המות וועט שוין
סיי ווי נישט אָפּטרעטן פון מיין בעט.
מלכהלע, וועסט די גלוסט אין דיין לייב
שוין לאַנג נישט דאַרפן צוימען.
דער באָרדער דער פרומער וועט גלייך קאָנען
אַרויסוואַרפן דעם אייזערנעם אייוון מיטן בלעכענעם קוימען.
דו ווינסט אין אַ „פלעט" קאַלט און קויטיק
און די הונדערטער דאָלער אין מיין טאַש
וועלן דיר זיין זייער נויטיק
פאַר אַ ניי חתונה־קלייד מיט אַ ווייסן קאַמאַש.
איזיס פנים פלאַמט. ער ציט אויס די לאַנגע, ביינערדיקע פינגער
און דער גט פאַלט אַריין
אין מלכהלעס ציטערדיקער האַנט.
איזיס קאָפּ זינקט אין קישן.
מלכהלע וויל זיינע טרערן
פון הייסן פנים אָפּווישן.
ער קערט אָפּ פון איר דעם קאָפּ
און פאַר זיין פאַרגעסענעם בליק
שפּרינגען די שטראַלן, ווי ברענענדיקע שטריק.
זיין ברוסט הויבט זיך און כריפּעט,
מלכהלע האַלט דעם גט און כליפּעט...

איזי זענגט די לופט מיט זיינע געלעכערטע לונגען
און ער דערקענט נישט מער דעם טאָג דעם לויטערן און יונגען.
מלכהלע קלאָגט, און דער לעצטער קוש

פון אירע געפּאַרבטע ליפּן
לאָזן איבער אַ רויטן פלעק
אויף זיין געל־צעקאַרבט געזיכט.
ער שווידערט און זעט אַ שאָטן שפּרינגט
און שלינגט פון הימל דאָס גאָלדענע ליכט.
אויף זיין בעט רייט דער מלאך פון טויט
און פּאַמעלעך און שטיל ער שניידט־אָפּ
פון לעבן די קנויט.

אין גלעקל ציטערט לעצטער רוף.
אויסגעשטרעקט, פאַרגליווערט
ליגט איזי גאַרבערס אויסגענאָגטער גוף.
מלכהלעס לעצטער קוש
ברענט פאַרביק־רויט
אויף איזיס קאַלך־ווייסער הויט.

די לוויה

דער רב גייט נאָכן וואָגן
און פון זיינע אויגן
טרערן שלאָגן:
„בנאות דשא ירביצני“,
ווי דעם מענטש, וואָס
ווערט פאַרשניטן אין פריען בלי.
„גם כי אלך בגיא צלמות לא אירא רע“ —
גאָט, אויך אין טויט ביסטו דאָ.

די שטיינער שטום און גרא
ליגן אין נאַסן טאָל.
טלכהלע שלייכט נאָכן ארון
פון פראָסטע ברעטער
און קלאָגט אויף אַ קול:
איזי, מיין מאַן, זיי מיר מוחל
און זיי פאַר מיר אַ גוטער בעטער.

דאָס גראָז הויך און נאַס.
דער פאַרנאַכט ווארפט
אויף די שויבן
דעם לעצטן פייער־פּאַס.

טיף אין גראָז ביז די קני
שטייען אויף דער לאָנקע
טרויעריקע, דערשראָקענע קי.

דער באַזוך פון די פרויען

זונטיק.
אויף די רו־שטולן פּאַציענטן אין טרויער
ליגן פאַרשווייגענע און קוקן פון באַלקאָן
צום טויער מיט דער צעווינטלטער פּאָן.

היינט טראָגט יעדער די נייסטע שיך.
עס טאָר נישט זיין פאַרקנייטשט
קיין לײלעך, קיין ציך.
קראַנקע, פאַרגעסט אין וויי.
אויפן טיש אין אַ גלייכער ריי
דאַרפן ליגן די פען,
דאָס פּאַפּיר און דאָס בוך.
ווייל היינט אין סאַנאַטאָריע,
ווי צו זיך אין אַ שטוב,
קומט אַ פרויען־קלוב אויף אַ באַזוך.

איז פּאַציענטן, פאַרטרייבט די פּיין,
גליטשט זיך אַריין אין יום־טובדיקע קליידער,
וועלכע זאָלן אויפן לייב פּאַסן,
און אויף פראַגן ענטפערט
דרך־ארצדיק און געלאַסן.

איז יעדער שפּיץ פון בעט
פאַרצויגן און פאַרגלעט.
דער דיל גלאַנציק, גלאַט.
מיסים גלין אין אויסגעפּרעסטן כאַלאַט,

אין אַ הויב מיט אַ לאַנגן, ווייסן טוך
שמייכלט און שוועבט אין ווייסן שוך.

די זון איבער די בערג —
אַ גאָלדענע קויל.
און אפילו מיסים גלין
טראָגט אַ טרייסט-וואָרט אין מויל.

און אָט און דאָקטער מאַכלין
שפּרייזט אַריין אין זיין
הויז פון פּיין.
נאָך אים מיט אַ טראָט רואיק און געצאַמט
גייט דער פּרעזידענט מיסטער שפּאַן.
ער איז הויך און דאַר
און מיט גרויס הנאה ציט ער אין זיך
דעם געשמאַקן רויך פון זיין ברענענדיקן ציגאַר.
אַ מיטליאָריקע פרוי שמייכלט
מיט אויגן פייכט און בלוי.
אַ צווייטע, פול און פעט,
שטאָלפּערט מיט די פיס
און רעדט פרומלעך-זיס.
אין צווישן בעטן ווייס ווי שניי
ציט זיך אַ לאַנגע ריי
פון פרויען אין הויכע היט,
מיט דין-געפאַרבטע שטרויען אין דער מיט.
געשאָרך פון זיידן קלייד.
שושקעריי פון רחמנותדיקע רייד:
מען דאַרף פירן אַ קאַמפּיין
נעבעך, פיר, פינף אין „אַ רום“.
מען דאַרף פירן אַ קאַמפּיין
פאַר אַ סאַנאַטאָריום,
וווּ די שויבן זאָלן שימערן
אין זוניקן שיין
אין ברייט, ליכטיק און שיין

זאָלן אַלע צימערן זיין.
אויך אין שולעכל איז ענג,
מ׳קאָן זיך קוים אויסדרייען
צווישן די לאַנגע, ברייטע בענק.

רחמנותדיקע בליקן גלעטן
די שוואַר־קראַנקע, אויסגעשטרעקט
אויף ווייסע בעטן.

איינע טראָגט צו אַ קליין קיישל וויינטרויבן
און זאָגט: אין קיין שום סטאָר קאָן מען
קיין בעסערע נישט אויסקלויבן.
מיר ווילן אייך פאַרשאַפן פאַרגעניגן.
פאַר „טשאַריטי" זשאַלעווען מיר נישט די פיס.
מיר קלעטערן אויף די העכסטע שטיגן,
אייך צו ברענגען פרוכט, שאָקאָלאַדע און ניס.
יעס, מיר ווייסן, אַז איר בענקט
נאָך די היימישע שוועלן
און אייער האַרץ איז פול
מיט טרויער און וויי.
דעריבער טאַקע מיר „טרייען",
אַז אייך זאָל דאָ נישט פעלן
קיין פיש, קיין פלייש,
קיין מילך, קיין איי.

רחמנותדיק די אויגן פרומען.
האַלדז און אַקסל
מיט פוקסענע פוטערלעך אַרומגענומען.
ביזן עלנבויגן די לאַנגע, ווייסע
הענטשקעס פאַרצויגן.
עס בלויען די הימל־שויבן.
און די פרויען רימען,
און די פרויען לויבן:
אין דער „ווּעסט"

פול מיט ווייץ זענען די שטרויען.
אין „יוראפ" קאָכט די מאַמע
אַ וואַסערדיקע זופּ אַ פולן טאָפּ.
דאָ איז דאָ „פּלענטי" פון אַלץ.
אי ברויט, אי פרוכט.
אי טשיקן, אי שמאַלץ.
איז עסט מיט אַפּעטיט
און דאָס געזונט פאַרהיט.
אַז איר וועט זיך אויסגרינען,
וועט איר ווי גוטע „סיטיזנס"
דאָס נייע לאַנד קאָנען דינען.
אַ צווייטע דערלאַנגט אַ טאָוועלע שאָקאָלאַדע —
אַ מתנה פון „פעדעריישאָן" אין קאַנאַדע —
און זי ווינטשעוועט אויף אַ קול:
גאָט זאָל אייך העלפן,
איר זאָלט נישט דאַרפן זיין
לאַנג דאָ אין טאָל.
היילט זיך גיך אויס
און געזונטע זאָלט איר פאַרלאָזן
דאָס ווייסע הויז.

די זון מיט איר הייסן ליכט
לעקט די שויב.
יעדעס פרויען־געזיכט שמעקט
מיט פודערדיקן שטויב.
די פאַציענטן קוקן טרויעריק, שטום
און ציען די לופט פאַרמישט
מיטן שאַרפן ריח פון פאַרפום.

בעטן אין אַ גלייכער ריי.
די ליילעכער ווייס ווי שניי.

שטראַלן וויגן זיך
אויפן גרין־געפאַרבטן דיל.

פּאַציענטן ליגן אויף רו־שטולן
און אין האַרץ דער טרויער
ווייגט טיף און שטיל.

אין דער גרינער טיף פון די גראָזן
ווייגט זיך די רויטע רויז.
די פרויען מיט טריט שלאַבעריק און מיד
פאַרלאָזן דאָס ווייסע הויז
מיט די שטראַלנדיקע, פענצטערדיקע־גלאָזן.

דער ווינט אין פעלד לויפט אויף זיינע דין־קילע פּיס.
די לופט שכורדיק און זיס.

די בערג־שפּיצן באַהאַלטן זיך
אין טויאיקן רויך.
די פרויען אַרום טישלעך אין טאָל
רעדן פריילעך און הויך
און ציען פּאַמעלעך פון זאַפטיקע מאַראַנצן
די דינע, שמעקעדיקע שאָל.

שאָקאָלאַדע און טאָרטן,
פרוכטן אַלע סאָרטן.
פרויען זיצן אין גאָרטן
און קילן זיך
אונטער בוים און שאָטן.

מיד פון זען און באַזוכן,
פראַוועט דער פרויען־קלוב אַ סעודה
מיט קיכלעך, קאַווע און קוכן.

טרושטשאַנסקיס צאָרן

טרושטשאַנסקיס פּנים רויט־צעבליט.
ער קוקט אין גאָרטן און זיין צאָרן זידט:
זיי האָבן פאַרגעניגן פון דעם וויזיט.
זייער רחמנות איז אַ ליגן, וואָס
פאַרשאַפט זיי גרוים אַפּעטיט.

איז זעט אָט די בורזשואַזנע דאַמען,
זיי ווייסן נישט, וואָס הייסט זיין אַן עמיגראַנט
און זיך שלעפּן אין אַלטע, פאַרשטונקענע שיפן
צו דער ווייט פון אַ פרעמד לאַנד.

קיין איינע פון זיי
ווייסט נישט פון הונגער
און קרענק דעם ווי.
יעדעס יאָר קיין אייראָפּע מען פאָרט.
אומעטום שכורט מען און מען
פאַרברענגט גאַנצע נעכט ביי דער קאָרט.

עפּעס אַן אויסגעסטראָצלטע דאַמע
געפעלט נישט יוראָפּ,
און עס פּאַסט איר נישט די אָרעמע מאַמע,
וואָס קאָכט פאַר דער גאַנצער שטוב
אַ פולן טאָפּ מיט וואַסערדיקער זופּ.
די איידעלע דאַמען
ווייסן נישט פון די פּיינען,
פון אַן אָרעמער מאַמען.

זיי אַרט נישט, וואָס
שווער און מיד
זענען אונדזערע
יונגע טריט.

אומעטום איז נויט פאַראַן.
אומעטום שינדט מען
פון אָרעמאַן די הויט.

פון זיין גאַנצער מי,
אויך דאָהי, בלייבט דער אָרעמאַן
די צעשטשערבעטע ירושה-פאַן.

יוינט און שאָטן
קילן אין גאָרטן.

פאַר אונדז, פאַרטריבענע
פון שטאָט און שטוב,
גראָבט שוין דער טויט
אַ טיפן גרוב.
און דער גאַנצער פרויען-קלוב
קוויקט זיך מיט קאַווע און טאָרט.
און פאַרן באַגריסונג-וואָרט
זשאַלעוועט מען נישט קיין אַפּלאָדיסמענטן
דער פעטער פרעזידענטין.
זעט נאָר ווי דער גאַנצער „סטעף“
תנפעט און היט די פרויען
אין די ברייט-געפאַרבטע היט.

זומער גליטשן זיך לוקסוס-שיפן
אויף בלויע, רואיקע ימען
און אין געראַמע, שיין-מעבלירטע קאַבינעס
פאַשען זיך אָט די איידל-געפּאַטשקעטע דאַמען.

אין ווייכן, טרוקענעם זאַמד
לאָזט מען נישט פּאַרקויטיקן זייער שפּאַן.
צענדליקער אויטאָמאָבילן וואַרטן
אָפּצופירן זיי צו דער באַן.

יאָ, דעריבער נאָך דער רעוואָלוציע
מוז איינגעפירט ווערן די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור,
אַז פון אָט די „ליידים" מיט זייער „טשאַריטע"
זאָל נישט בלייבן קיין שפּור.

נישט קיין „טשאַריטע"
איז דעם אָרעמאַנס פאַרלאַנג.
די רעגירונג דאַרף זאָרגן
פאַר יעדן איינעם, וואָס איז
הונגעריק און קראַנק.
אויף זיין בייזן קול ענטפערט נישט קיינער.
קוקט ער אַ צאָרנדיקער אין גאָרטן,
וואָס ליכטיקט אין טאָל,
אַרומגערינגלט מיט דער שטומער שטילקייט
פון די בלענדנדיקע פעלדזנשטיינער.
רב שמואל אויפן באַלקאָן
וואַרפט אַ באַצערטן בליק
אויפן שטאַנג מיט דער פאָן
און ער רעדט צו טרושטשאַנסקין
מיטן טרויער פון תהילים־ניגון:
בכל יום דאַרף אַ ייד
קאָנען דעם צער
מיט אַן איינן געבעט פאַרווינן:
„פאָטער הארציקער,
דער הימל — דיין פענצטער
דער בלויער,
שטאַרק מיך, ווייל מיין האַרץ
ברעכט זיך אין טרויער.
מענטש, זאָל דיין תפילה

שטענדיק זיין גלויביק, ריין,
אפילו אין בלוי פון מאָרגן־שיין,
ווען דער טויט מיט זיין שוואַרצן געוויין
קומט שטיל אין שטוב אַריין.

מענטש, ביסט קיינמאָל נישט אַליין,
אפילו, ווען אין פינצטערניש פון טיפן גרוב,
זינקט דיין פאַרגליווערט געביין.
איז פיר מיך גאָט
אויפן גערעכטן וועג.
אין אָוונט, אין מאָרגנפרי,
דאָס האַרץ אין שרעק
נישט צעברי.

פאַרשווינד פון מיר נישט, גאָט,
ווען פון מיינע טעג אַנטרינט
דאָס גאָלדענע ליכט
פון דיין זון־ראָד.

גאָט פון אַלע וועלטן דער בויער,
האַלט אָפן פון רחמים דעם טויער.

שטאַרק מיך, און זאָלן
נישט ציטערן מיינע קני,
ווען מיטן טויט אין פינצטערניש
איך פלי, וואָרעם:
„גם כי אלך בגיא צלמות
לא אירא רע, כי אתה ד׳ עמדי״.

רבונו של עולם, באַהאַלט נישט דיין פּנים,
זיי זיך מרחם כאב על בנים.
דאָס איבעריקע איז ווינט.
מענטש, פאַרטרייב די שנאה,
וואָס מאַכט די אויגן בלינד.

טרושטשאַנסקי שווייגט אין צאָרנגלי.
ער צעשפּרייט „די פרייהייט“
אויף זיינע קני

ר׳ שמואל אין טרויער
מורמלט דעם תהילים־ניגון.
די פּאַציענטן טרויעריקע און שטומע
ליגן אויף רו־שטולן און קוקן צום טויער,
וווּ אין ווינט בלעטערט זיך
דער בוים מיט די צווייגן די קרומע.

ווילי און דבורה

דבורה בלוי־אויגיק און שלאַנק
איז נעבעך זייער קראַנק.

שוואַרץ שימערט איר קאָפּ
געדיכט מיט קרויזן.
אויף איר קיילעכדיק געזיכט
ברענען פון היץ די רויזן.

דער שיינער דבורהן איז פאַרבאָטן
אפילו אַ פערטל שעה צו שפּאַצירן
אין גאָרטן.

ווילי ברוקס, איר חתן,
קומט צו איר מיט אייליקן שפּאַן
יעדן זונטיק מיט דער ערשטער באַן.

ווילי אַ בחור פון אַ יאָר פינף־און־צוואַנציק
מיט אַ לענגלעך, טונקל געזיכט
טראָגט אין גלי פון זיינע אויגן
פון פיין דאָס טרויעריקע ליכט.
און דבורה, פאַרטוליעט
אין דער קאָלירטער שאַל,
עפנט איר האַרץ —
דעם טרערן־קוואַל:

„מיין לייב איז פול
מיט קראַנקן־פיבער.

איך צאַנק. דאָס לעבן
אין מיין בלוט איז שוין נישט אויף לאַנג.
יעדע מינוט קאָן איך פאַרשניטן
ווערן, ווי אַ זאַנג.

לאָמיך מיט מיינע הענט גלעטן
דיין וואַרעם, טונקל געזיכט,
וועסטו אויף שטענדיק
מיטנעמען מיט זיך
פון דער ליבע דאָס אייביקע, העלע ליכט.

צום הימל, צום בלויען שפיגל,
וועלן אינגיכן אַוועקפליען מיינע יאָרן.
דער ווינט מיט זיינע קאַלטע פליגל
וועט פלאַטערן איבער מיין ארון...״

ווילי קוקט אויף דבורהס פיבערדיק געביין
און האַמעוועט אין זיך דאָס שפּאַרנדיקע געוויין.
און מיט ווערטער פון טרייסט ער וויל פאַרמעקן
די טעג, וואָס טראָגן טרויער און שרעקן:
„דבורה, וועסט זען,
דער פיבער וועט פאַלן,
און וועסט נאָך ווידער
שפּאַצירן צווישן די בערג,
ווו פון די פעלדזענע ווענט
לויפן וואַסער-קוואַלן.

וועסט זען פון דיין קראַנקהייט
וועט נישט בלייבן קיין שפור.
וועסט נאָך ווידער זיך לערנען
אויף די קורסן פון ענגלישער ליטעראַטור.
און איך, וואָס בין שוין
געניט אין מיין פאַך,

קאָן שוין אויך גאַנץ גוט
די ענגלישע שפּראַך.

מירן נאָך חתונה האָבן,
און דו וועסט טראָגן
מיין רינג ביזן טיפן עלטער.
וועסט זען, איבער אונדזער ליבע
וועט זיך נאָך אויסשפּרייטן
דער הימל דער צעהעלטער."

ווילי ברוקס דער ברייט־ביינער בחור
מיט מיטעלן וווקס געזעגנט זיך
מיט דבורה מאַראָן און קושט
איר הויכן קלאָרן שטערן.
ער גייט צו דער באַן,
און פון זיינע אויגן
שלאָגן הייסע טרערן.

דער איינזאמער מיסטער בּרין

דער פאַרוואַלטער מיסטער ברין

די פאַציענטן האַלטן:
אַז מיסטער ברין דער פאַרוואַלטער
איז אַ מענטש אַ כמורנער און אַ קאַלטער.

וועלוול ווייסט, אַז עס איז נישט וואָר.
אַ פאַרשלאָסענער טראָגט ער אין זיך
דעם סוד פון שווערע, פיינלעכע יאָר.

וועלוול איז אָפט אַ גאַסט אין זיין אָפיס:
ביי זיין הויכן, געשניצטן טיש,
ווו זיין לעבן פאַר וועלוולען
ווערט אויפגעמישט:

„כאָטש איך וווין אין ווייסן הויז,
איז דאָס האַרץ פול מיט לויטערן ברויז,
ווייל צו ווילנע, מיין היימשטאָט פון נעכטן,
אין דער בענקשאַפט איך גיי אָפט צוריק
צו דער ליכטיקער פרייד פון יוגנט־געפעכטן.

איך בין אַ סטאָליער־יינגל פון פאַך,
בין פאַרליבט אין ליטעראַטור
און אין דער רוסישער שפּראַך.

אַן אַרבעטער — אין „בונד" אַקטיוו,
שעץ איך דעם מענטשן פון מי,
וואָס זיין האַרץ לויטער

ביז דער זומער טיף
טראָגט שטענדיק אין זיך
פון ליכטיקע טרוימען דעם בלי.
איך בין טאַקע טעטיק אין די בונדישע קרייזן.
אָבער איך באַגער אין ווייטע לענדער צו רייזן.
אין אונדזער שטוב, צווישן ווענט שוואַרץ פון קויט,
איז מען שטענדיק הונגעריק נאָך אַ שטיקל ברויט.
מיין טאַטע אויסגעצערט און מאַט.
מיינע ברידערלעך זענען קיינמאָל נישט זאַט.
איך בין טאַקע אין „בונד" אַ גאַנצער זאָגער.
אָבער מיינע פאַרדינסטן זענען מאָגער.
אין קרייז פאַרליב איך זיך אין אַ מיידל
פון אַ באַלעבאַטישער היים.
זי פאַרמאָגט אַ לויטער פנים
מיט אַ געטאָקט געביין.
מיר ווילן חתונה־האָבן,
אָבער אירע עלטערן
קענען מיר רק זיי גראָבן.
באַשליסן מיר ווילנע צו פאַרלאָזן
און פאָרן אין לאַנד דעם קאַלטן,
ווו מיר וועלן מערנישט דאַרפן
מיט אונדזער ליבע זיך באַהאַלטן.
קאַנאַדע רייצט מיט אירע ריזיקע שטחים
פון גאָלדענעם ווייץ, ווו אין איינע
פון די גרויסע פאַבריק־שטעט
וועלן מיר האָבן אַ היים און זעט.

און איך זאָג:
באַשע, מיר זענען שטאַרק פאַרליבט.
איך בין אין מיין פאַך גוט־געאיבט.
איז קאַנאַדע אונדזער וועג.
איך וועל דאָרטן ציען שיין פרנסה
מיט מיין האַמער מיט מיין זעג.

אין דער שטיל געלט מיר שפּאָרן.
ענדלעך אין אַ פול־געפּאַקטער שיף
קיין קאַנאַדע מיר פאָרן.
איך אַרבעט שווער.
פון אַ תכלית איך קלער.
איך שטרעב צו עפענען אַן אייגענע סטאָלעריי
און פון די בייזע „באָסעס" ווערן פריי.
מיר האַלטן אויך אַ „באָרדער" —
אַ קרעפּטיקער יונג אַרום דרייסיק יאָר,
וואָס שפּאָרט געלט פון אַרבעטן
אין אַ „דעליקאַטעסן"־סטאָר.
אין אָוונט ביי אַ הייסער גלאָז טיי
זיצט ער ביים טיש און קוועלט:
„זיס איז די וועלט, ווען
דאָס האַרץ טראָגט
פון ליבע דעם ווײ.
יעס, אין גיכן וועל איך שוין אַליין
עפענען אַ דעליקאַטעסן־סטאָר.
איך וועל „אָפּפיקסן" אַ שיינע היים
און מיין ווייב אין „לאָקטשערי"
וועט ביי מיר לעבן אַלע אירע יאָר.
עס וועט איר נישט פעלן קיין שוך, קיין קלייד.
אויפן „פלאָר" די טייערסטע „קאַרפּעטס"
זיין וועלן אויסגעשפּרייט."

איך טראָג אין מיין האַרץ
ליבע און לויב פאַר באַשען.
פאַר איר וואַרעמער היים
און פאַר די קושן, וואָס
זי שיקט מיר יעדן אינדערפרי,
דורך דער שויב ביים אַוועקגיין.

מיר האָבן שוין קינדערלעך צוויי.
און באַשע פאָרט מיט זיי

יעדן זומער אין די בערג,
ווו ביים טייך ציט זיך
אַ לאַנקע מיט שמעקעדיקן היי.

איך פאַרדין גאַנץ פיין.
איך וויל פאַר זיך דעם „פראָנט-צימער“,
וואָס וואַרעמט זיך פון פרימאָרגן אין זון-שיין.

טענהט מיין באַשע:
ער איז אַן עלטערער בחור
און ער האָט אַ שטיקל היים,
זאָל ער ווייטער ביי אונדז שטיין.
זאָג איך: באַשע, אַז אַ יונגע פרוי
האָרעוועט צו פיל אין קיך,
ווערט זי פרי קראַנק און גרוי.
לאַכט זי: עס וואָלט געווען אַן אומרעכט
נישט ווען וועלן האַלטן אַזאַ ווילן „באָרדער“,
וואָס אַרבעט אַריין אין די נעכט.

בלייבט ווי זי וויל.
דאָס לעבן גייט זיך
ווידער פרידלעך, שטיל.

פלוצעם באַפאַלט מיך אַ הויכע היץ.
דאָקטער מאַכלין קומט און זאָגט:
אין איין לונג איז אַ קריץ
פון דער ווייסער פלאָג.
שיקט ער מיך אין סאַנאַטאָריע אַוועק.
קוק איך דורך דער שויב
און מיר דאַכט, אַז איך הוידע זיך
אויף יעדן פורל, וואָס שטויבט
אויפן שטילן, זאַמדיקן וועג.

קומט דאָקטער מאַכלין און זאָגט:
כ'מוז צוימען די ווייסע פלאָג.

מען וועט אייך אָפּערירן
אויף איין לונג,
דאָס איבעריקע וועט אייך העלפן
פון דער פרישער לופט —
יעדער ריינער טרונק.
אָבער נאָך דער אָפּעראַציע
דאַרף מען לאַנג ליגן אין בעט,
ביז דער נס פון געזונט־ווערן געשעט.
נאָך אַזאַ אָפּעראַציע איז מען אָפּט
שוואַך און מיד
און מען איז טיילווייז געגליכן
צו אַן אינוואַליד.
זאָגט, צי איר שטימט איין,
וועל איך אייך לאָזן וויסן,
ווען די אָפּעראַציע וועט זיין.

מיט אַ ביטער געוויין
קומט באַשע צוגיין:
וועסט זיך שוין מערנישט
קאָנען אומקערן צו סטאָלעריי.
איך וויל נישט אָנקומען צו „טשאַריטי“,
לאָז מיך באַצייטנס פריי.

קומט דאָקטער מאַכלין און זאָגט:
מיסטער ברין זייט נישט סענטימענטאַל.
אין אייערע אומשטענדן איז דאָס גאַנץ נאָרמאַל.
גיב איך איר אַ גט.
און נאָך דער אָפּעראַציע ליג איך
אַ לאַנגע צייט אין בעט.
ביסלעכווייז דאָס ביסל ניי־לעבן איך געווין.
און יאָרן אין פּיינען קריגן אַ נייעם זין.

דאָקטער מאַכלין אַנטפּלעקט מיר ענדלעך דעם סוד,
אַז סם איז פאַר מיר די לופט פון שטאָט:
היות, איך בין נישט קיין פּאַציענט, זאָל איך

אַכטונג־געבן אויפֿן שפּייז־דעפּאַרטמענט.
און אויב איך וועל זיך אַרויסווייזן פֿאַר געגוג גוט,
וועל איך מיט דער צייט אָנטאָן פֿון אַ מענעדזשער דעם הוט.

מיטן סאַנאַטאָריע פֿיר איך שוין אָן באַלד צוואַנציק יאָר,
אָבער פֿאַר זיך ווינציק געלט איך שפּאָר.
מײַנע צוויי קינדער לערנען אין אוניווערזיטעט אין שטאָט,
זיי וועלן שוין נישט פֿינצטערן אין שאָפּ ביים מאַשינען־ראָד.

און באַשע גייט אין שפּאַן ביי איר צאַצקעדיקן מאַן —
איר באָרדער מיסטער שטיין מיט דער באַרימערישער צונג,
בריוועלעך שיקט זי מיר געהיים:
אַז מיך האָט זי ליב אפֿילו מיט איין לונג.

דעם לויטערן שיין פֿון איר יונגער ליבע
תמיד איך געדענק.
דעריבער זאָל מיין פּיין
איר ווערן געשענקט.
די פּאַציענטן מיינען, אַז מיר טוט נישט ווײַ
זייער שרעקן זיך, זייער שטיל וויינען,
אוודאי, איך זאָרג זיך, אז זיי זאָלן האָבן
פֿלייש און פֿיש, גרינסן, מילך און אַן איי.
אָבער זאָל זיין קלאָר, אַז אין מיין געדאַנק
בין איך מיט זיי אַלע טעג פֿון אַ גאַנץ יאָר.

איך ווייס, אַז זיי האַלטן, אז איך בין אַ גוטער פֿאַרוואַלטער,
נאָר אַ מענטש אַ פֿאַרהאַרטעווועטער, אַ קאַלטער.
זאָל דאָ זיין אַנטפּלעקט, אַז די „באורד“ פֿאַרלאַנגט,
אַז די פּאַציענטן זאָלן האָבן פֿאַרן מענעדזשער
נישט קיין ליבשאַפֿט, נאָר רעספּעקט.

איך ווער עלטער, איך ווער גרויער.
־אָס האַרץ בענקט און טרינקט זיך אין טרויער.
איך שטאַם פֿון אַן אָרעמען מענטשן־שיכט

און ליב זענען מיר די מענטשן
מיט די פֿאַרטרוימטע אויגן, וואָס
זאָגן, אַז אין הימל דער זון־בויגן
דאַרף פֿאַר יעדן גלייך וואַרפֿן זיין לויטער ליכט.
דעריבער אין פּאָעזיע, אין בעלעטריסטיק,
איך פֿאַרטראָג נישט קיין מיסטיק.
אָבער פֿיל היינטיקע, יידישע שרייבער
מיידן אויס די נויט פֿון די אָרעמע
אין די שטאָטישע טאָלן
און רעדן רק מיט סימבאָלן.
פֿאַר מיר זענען מענטשן דער איינציקער קוואַל,
און איך שרייב אַ ראָמאַן, ווו איך שילדער
דאָס היגע באַרג־לעבן אָפֿן און רעאַל.
איך מיין, אַז מיינע קורצע דערציילונגען
פֿון דער היגער, דאָרפֿישער סביבה,
וואָס דורקן זיך אָפֿט אין דער מאָנטרעאַלער
יידישער טאָגצייטונג, האָבן דאָך אַ שטיקל
קינסטלערישע באַדייטונג.

מיין ראָמאַן איז וועגן אַ פּאָרמער, וואָס
אים איז דערווידער די שטאָטישע מערק,
די טומלדיקע גאַסן מיט דעם פּלאָנטער פֿון דראָטן.
זיין ליכטיקסטער שפּאַן אין צווישן די בערג,
אין דער נידער פֿון זיין פֿאַרצוימטן גאָרטן.

אין מיין ראָמאַן ווערט מען באַקענט
מיט די האָרעווענדיקע פֿארמער־הענט.
אין די בערג ווערט נאָענט
דאָס אָרעמע הויז
פֿון דעם ערלעכן, תמימותדיקן
פֿאַרמער — פּראָנצויז.

ער פֿאַרמאָגט אין שטאַל
עטלעכע קי, אַ פּאָר פֿערד.

און פון דעם מאָרגן דעם רויטן
ער ראַנגלט זיך מיט דער ערד,
מיט די שטיינערנע הויטן.

מען דאַרף דעם פּאַרמער געבן צו פאַרשטיין,
אַז ער זאָל נישט זיין אונטערטעניק און קליין.
אין לעבן אַ נייער גאַנג איז נייטיק,
אַז ער זאָל נישט דאַרפן מער טראָגן
פון נויט דעם ווייטיק.
וואָרעם פון זיין שטיקל לאַנד
און פון זיינע געניטע הענט פלינק און געניט
האָט ער ביים ראַנד פון וואַלד
אַ שטיבל הויקערדיק און אַלט.

עמעצער פון ראַנען,
פון די פעלדער שטיין און דאָרן,
דאַרף אויפשטיין און שאַלן
פון פרייהייט דעם האָרן.

איך וויל, אַז איר זאָלט זיך
מיט מיין ראָמאַן באַקענען,
וועט איר אויך פילן, אַז שוין צייט
די אָרעמקייט פון אומעטום אויסברענען.
יאָ, אין אייערע לידער פון מאָרגנאָויפגיי
ציטערט פון קראַנקע דער ווי.
איך לייען זיי מיט גרויס אינטערעס,
ווייל אין פרילינג געשמאַק
איז דאָס ווייסע ברויט מיט קעז,
ווען אין די בערג, צווישן
שטיין און דאָרן-געשפּין,
שלאָגט דער ריח פון יונגן גרין.
יאָ, אין אייערע לידער פון די פּאַרמער-שטיבלעך,
אין דער טאָליקער נידער, ליכטיקט דער נס
פון פרילינג מיט די ביימלעך, וואָס
שטראַלן אין בלויען בעז.

אייער שרייבן צאַרט און אָפֿן,
טראָגט דעם טרוים פֿון לויטערן האָפֿן.
אייערע פֿערזן שיין און שטיל
זײַנען דערציילעריש אין סטיל.
איך ווייס נישט צי איר געהערט
צו אַ ליטעראַרישער ריכטונג.
אין אייערע לידער ברענט
דאָס העלע ליכט
פֿון עכטער דיכטונג.
אין אָפּיס, ביים הויכן טיש
געפֿאַרבט אין גרין,
וועלוול און מיסטער ברין
פֿירן אָפּטע געשפּרעכן,
ביז די גאָלדענע אָוונט־שטראַלן
אויף די שויבן־טירן
נעמען זיך ברעכן.

מיסטער ברינס ראָמאַן

אויפֿן מאָך ווייך און גראָ,
צאַנקט די אומעטיקע אָוונט־שעה.

וועלוול ביים רויטן זון־שיין
לייענט וועגן דעם פּיין
פֿון זיין אַליין צווישן
וואַלד און שטיין.

אַ יידישער רעוואָלוציאָנער פֿון עבר לים,
פֿון דער אָרעמקייט דער רויער,
־ערציילט פֿון פראַנצויזישן פּאַרמער־שטאַם,
פֿון זיין וויי און טרויער.

אין זיין ווערק, פּאַרמער טיף אין די בערג
פֿרום און נאַאיוו.
די פּאַרמער־יוגנט פּאַרלאָזט דאָס פֿעלדזנלאַנד,
צו ווערן אין אַ קויטיקן שאָפּ אַ האַנט.

אין דער טיף פֿון די בערג,
צווישן שטיינער און מאָכן,
טאַטע־מאַמע בענקען
לאַנגע וואָכן נאָך אַ בריוו
פֿון זייערע קינדער, ווו
דער עלנט פֿון זייערע טריט
ווערט פּאַרשלונגען אין רויש
פֿון די שטאָטישע מערק.

אין טאָל שאַלט דאָס וואָיענדיקע קול
פון דער אָוונט־באַן.
ווערוול קומט אַ הונגעריקער אין עס־זאַל
און טראָגט אין זיך די בענקשאַפט,
וואָס גליט אין מיסטער ברינס ראָמאַן.

אין עס־זאַל, אין רויש
פון געשיר און ווערטער־געשאַל,
ער פאַרטרויט מיס אַלמאַן פון זיין שפּאַציר
מיט מיסטער ברינס ראָמאַן.
ער זאָגט איר, אַז דער ערשטער באַנד
איז אַ לעבעדיק בילד פון היגן באַרג־לאַנד.

מיסטער ברין ווערט פון זיין מיינונג
גלייך געוויר
ברין דריקט זיין האַנט:
צו דער שטילקייט פון היגן באַרג־לאַנד
איך וועל עפענען דעם טויער.
ווערוול מוטיקט: אויף אַזאַ ווערק לוינט זיך
אַרבעטן לאַנג. עס איז געשריבן מיט געפיל
און גוט־דורכגעטראַכט אין געדאַנק.
און פון שטייגער דער געשילדער
איז אַריינגענומען אין לעבעדיקע בילדער.

ברין שמייכלט און מורמלט:
אייער מיינונג איז גוט,
אייער מיינונג גיט מיר צו מוט.

איך שרייב אָפט טיף אין דער נאַכט דער בלויער
און איך פאַרטרייב פון אַליין־זיין דעם טרויער.

אין עס־זאַל רויש און געשאַל.
אין טאָל וואָיעט די לעצטע באַן.
ווערוול און ברין רעדן
פון דעם פאַרנומער ראָמאַן.

מיס אַלמאַן פֿאָרט אין שטאָט

פרימאָרגן רויט און שייניק,
די בערג פֿאַרסודעט און שייניק.

פֿאַרמער־שטיבלעך באַצויגן מיט בלוי
וויקלען זיך אין זילבערנע ליילעכער
פֿון קאַלטן מאָרגנטוי.
די זון איבער די בערג — אַ פֿייער־באָל.
די שטילע טריט פֿון ווינט וועקן
די גאָלדענע זאַנגען אין טאָל.

מיס אַלמאַנס ווערטער אויסגעבענקט אין פֿיין
אין וועלוולס געמיט דרינגען אַריין:
„אויפֿן טרוים פֿון דער ליבע איך הענג,
איין־אַליין אין ווייסן הויז איז מיר אומעטיק און ענג.
דאָס לעבן איז נישט קיין ברעט גלייך און גלאַט.
פֿון אַ גלעט און אַ קוש וויל די ליבע נישט ווערן זאַט.
און דאָ צווישן שטיינער פֿאַרצויגן מיט מאָכיקע הויטן
איך קאָן ביים עסן נישט פֿאַרגעסן די מאַמע אין דער היים,
וואָס ראַנגלט זיך מיט די שווערע נויטן.
אָבער די ליבע האָט איר ציל.
איך לייטער זיך אין דער בענקשאַפֿט,
אין איר הייסן געפֿיל.

אין אַ יאָר אַרום וועט מען אייך פֿונדאַנען
מסתּם אויסשרייבן,
איין־אַליין אין דער שטיינערנער שטום
איך וויל מער נישט בלייבן.

מיין האָפנונג אויף גליק
איך טראָג מעבר־לימען.
עס איז אַ זינד זיך אַליין
בינדן אין פיינען פון שטריק
און דער ליבע דעם וועג פאַרצאַמען.
איז וויזשע האַלט עס מיט אייך?
זאָגט מיר אָפן, זאָגט מיר גלייך.

אויב איר ווילט די פרייד
אין זיך פאַרשליסן,
וויל איך פון אייערע אָפענע רייד
אַלץ איצטער זיך דערוויסן.
יאָ, מיר קאָנען זיך דאָ
אצינדערט צעגיין
אָן אַ קוש און אָן געוויין."

אין מים אַלמאַנס אויגן
די בענקשאַפט העלט.
וועלוול רעדט צו איר מיט דער ליבשאַפט,
וואָס אין זיין האַרץ לויטערט און קוועלט:
„אָפן און בּרייט שטרעקט זיך
פאַר אונדז דער נייער וועג.
אונדזער פרייד ליכטיקט
אין די מאָרגנדיקע טעג.

אַ פאַרבענקטער און שטומער
שוועבט אין די בערג
דער לויטערער זומער.
די בענקשאַפט ברענגט
מיך תמיד צו אייך,
צו די מורמלדיקע וואַסערן
אין שווימענדיקן טייך.

אין פרימאָרגן איך וואַרט
אויף אייערע טריט,
אויפן ברויז פון דער ליבע,
וואָס לייטערט זיך אין געמיט.
איר זענט פשוט, האַרציק און גוט.
אייער ליבע ברענגט מיר
דערהויבונג און מוט
די גאָלדענע זון איבער די בערג
איצט גייט.
דעם טויער צו דער פרייד
עפענען איצטער אייערע געפילפולע רייד.
מיר טרינקען די ריינע, הויכע באַרג-לופט,
וואָס שמעקט מיט בוים און בלעטער-דופט.

דער טייך אין טאָל פאַרשרויפט,
צווישן שטיינער שלאָגט און לויפט.
די ליבע קרעפטיקט אונדזערע הענט.
לאַנג צווישן די בערג מיר וועלן שוין
נישט זיין פאַרקלעמט."

אַ שטוב. אַ שטאָל.
אַ צוים פון דראָט.
אין גרינעם טויערל דרייט זיך
דאָס קיילעכדיקע ראָד.

וועלוול קושט איר היים געזיכט.
די פרייד צינדט
פון ליבע דאָס ליכט.

אויף גלאַנציקע שינעס
די רעדער רייטן.
די באַן יאָמערט און אַנטלויפט
אין די טאָליקע ווייטן.

אין מאָרגן דעם רויטן,
די שטיינער שטומען
אין די גרוי־מאָכיקע הויטן.

מיט דער ליבע, מיט איר יונגן ברויז,
קערט זיך וועלוול צוריק אין ווייסן הויז.

בענקשאַפט

מים אַלמאַן איז שוין דאָ צוריק פון שטאָט.
אין גרינעם טויערל דרייט זיך דאָס ראָד.

צווישן שטיין און דאָרן־געשפּין
שטייט דער וואַלד יונג און גרין.
אין די זון־זומערדיקע וואָכן
זוכט וועלוול אירע טריט
אין דער סאַמעטענער טיף
פון די קילע מאָכן.

אין וואַלד דעם שטומען
שאַרפע זענגן ברומען.

דער וועג שאָטנדיק און לער.
די בענקשאַפט לייטערט די טרער.

פאַרדרימלטע פעלדזן־שטיינער.
אין בויך פון בוים גרילצט די זעג
מיט אירע שפּיציקע, שטאָלענע ציינער.

דאָס ליד בענקט אין טרוים
און זוכט די צייכנס פון אירע טריט
טיף אין טאָל ווו די ליבע וואַרט
אין איר ליכטיק געצעלט.

מים אלמאַנס בריוו

איבער די בערג־שפּיצן
שווימט רויטער באַגינען.
שאָטנס שוואַרץ און געדיכטע
פון שטילן וואַלד אַנטרינען.

לויטער־לויבנדיקע רייד
דאָס האַרץ טראָגט.
און די ליכטיקע פרייד
בענטשט גאָטס ניי־באַשאַפענעם טאָג.

פייגל פלאַטערן. פייגל זינגען.
די הייסע שטראַלן שלינגען
די טויען, וואָס טריפן
אין די פאַרדרימלטע, וואַלדיקע טיפן.

פלאַמיק־רויטער מאָרגנפרי.
וועלוול דערפילט פון אַ הייסן קוש
דעם זיסן ברי.

מיט אלמאַן ביי זיין בעט
שטייט און רעדט:
פון דער הויכער טעמפּעראַטור
נישטאָ מער קיין שום שפּור.
איין־אַליין שפּאַצירסט ביי די מאָכיקע גריבער.
פריש און פאַרברוינט איז פון דיין פּנים די הויט,
ווייל ביי אַלע פאַרמער־שטיבער
עפנט מען פאַר דיר דאָס טויערל פון פּלויט.
שוין טעג אין אַרויף־אַראָפּיקן גאַנג

פון די הויכע, הילצערנע שטיגן
איך שרייב צו דיר אין געדאַנק אַ בריוו,
אין וועלכן דו וועסט קריגן
פון מיין שווערער שטימונג אַ באַגריף.

נישט אַלץ קאָן מען אַרויסשרייבן מיט דער פען.
דאָך פון די ווערטער אויפן פּאַפּיר־ביינגעלע וועסטו זען,
אַז אין מיין אייגן האַרץ פלאַטערט אָפט
די בענקשאַפט ווי אַ געפאַנגען פייגעלע.

מים אַלמאַן פאַרשווינדט צווישן
די ווייסע בעטן אויפן באַלקאָן,
ווו פיבערדיקע קראַנקע
קוקן מיט טרויער
צו דער קאָלירטער פאָן
אויפן צווייגן־טויער.

רויטער באַגינען שווימט
אין דער הימלדיקער הויך,
בערג און ביימער גרינען
דירבן גרוי פון טויאיקן רויך.

אַ קראַנקן־שוועסטער אין אַ ווייסן כאַלאַט
קאָרמעט אַ קראַנקן מיט אַ פּנים
געל־צעקאָרטשעט, ווי אַ האַרבסטיקער בלאַט.

וועלוול לייענט פאַרבענקטע ווערטער,
פאַרשריבן אויף קליינע, קאָלירטע
שטיקלעך פאַפּיר.
מים אַלמאַן רופט אים, מיין באַשערטער,
און די ווייטיקדיקע ווערטער
עפענען צו איר פיין די טיר.
„מיין ליבער, יעדן טאָג צווישן פאַרמער־שטיבער
טראָגט זיך מיין בליק, ביז דו קערסט
פון בלעטערדיקן וואַלד זיך צוריק.

בענקשאַפטן און גאַרונגען דאָס האַרץ שניידן,
ווייל איך מוז דיך לעצטנס אויסמיידן.
איצטער דעם סוד איך עפן:
ים איז דערפאַר וואָס מיסים גלין
לאָזט מיך נישט מיט דיר זיך טרעפן.
פון זינט איך בין דאָ צוריק פון שטאָט,
איז זי אין איין צאָרן פאַר דיין קושן מיך
ביים טויער פון עפּל-סאָד.

אַ ליאַדע-וואָס שרייט זי:
מען געפינט אייךביידן גאַניץ אָפט
אין וואַלד, צווישן די מאָכן.
דערפאַר פון אָוונט ביז מאָרגנפרי
וועט איר ביי מיר אַרבעטן גאַנצע וואָכן.

אַרומגיין מיט אים אין גאָרטן
צווישן זיסן בלומען-גערוך
איז אויך שטאַרקער דיסציפּלין-ברוך.
אָבער דאָס ערגסטע איז, וואָס
דיין קוש אַנטפּלעקט פאַר אַלעמען דעם סוד,
אַז צו דיר טראָג איך
פון ליבע די גרויסע גנאָד.

וואָרום אַלדאָס ביין
וועט זי טאַקע אויסקלערן,
אויב זי וועט געוויר ווערן,
אַז דיין ליבע, אויף אַן אמת
מיין האַרץ טוט באַגערן.
דעריבער איך מוז דערווייל
אַלע מיינע געפילן דערשטיקן.
און נישט דערלאָזן, אַז דורך מיסים גלין רשעות,
זאָל מען מיך פונדאַנען אַוועקשיקן.

מיינע הענט זענען דאָ נייטיק.
אין היצן און אין פרעסט,
פון ווייסן הויז די ברייט און לענג

מיט מיינע פיס איך מעסט.
הילף און טרייסט איך ברענג
צו די וואָס ברענען אין ווייטיק.

אין טאָל פּאַשען זיך שאָף און רינדער.
און אויף די ווייסע בעטן
זענען די קראַנקע — עלנטע, דערשראָקענע קינדער.
אויפן ווייסן הויז,
וואָס שטייט אויפן היגל,
לאָזט דער טויט זיך אָפּט אַראָפּ
מיט זיינע פּראָסטיקע פליגל.
און איך בין אויף אַלצדינג גרייט.
די ליבע איז אַ לויטערער פלאַם,
איר פרייד וואַרפט אום
די שטאַרקסטע צאַם.
מיט דער ליבע, מיט דער בענקשאַפט
איך שרייב דעם בריוו
שפּעט אין דער נאַכט
כאָטש דאָס אַלץ אַרויסזאָגן
איז אָרעם מיין היימישע שפּראַך.

דער וועג איז ליכטיק, וויים און אָפן.
די ליבע טראָגט דעם וווּנדער פון האָפן.
ווען מען וועט דיך פונדאַנען אויסשרייבן,
אין ווייסן הויז איין-אַליין איך וויל מער נישט בלייבן.
איך וועל פאַרלאָזן מיין פּאָסטן
און באַנוגענען זיך מיט אַ בעט, אַ שטול
און אַ טיש אין אַ צימער אַ פּראָסטן.
מאָרגן, ווען דער וואַלד
וועט ווערן פאַרנאַכטיק, בלאָ,
וועט פון אונדזער טרעפן
ווידער זיין די ליכטיקע שעה.

אוודאי בענק איך נישט
נאָך דער שטאָט

מיט די סלופּעס
פאַרצויגן מיט שטריק
פון גראָבן דראָט.

אין אָנהייב וועט דאָס לעבן
זיין שווער און האַרב.
אָבער אין ליבע
האָט אויך די שטאָט
פון פרייד די ליכטיקע פאַרב.

איך דאַרף דעריבער זיך
מיט דיר אינגיכן טרעפן,
דעם נייעם וועג
פון אונדזער לעבן
טאָן אַן עפן.

איצט איז נאַכט.
אַ הונט וואָיעט
ביים וואַלדיקן שליאַך.
דער הימל מיט שטערן זילבער־רייך
זעגנט איבערן שפּיגל פון בלויען טייך.

די לאָנקע מיט ווייסן קאַלטן טוי באַפּינטלט.
אין מיין גלאָז פייכטיקט זיך
פאַר דיר אַ בלומען־בינטל.

איך רעד צו דיר אויף דו.
ווייל ביסט מיר שוין מער נישט פרעמד.
אין מיין האַרץ צאַפּלט די פרייד,
ווען דו טוליעסט מיך אין דיינע הענט.

מאָרגן פאַרנאַכט וועל איך וואַרטן
אויף דיין וואָרט דעם צאַרטן.

איך וועל פון ווייט דערקענען
דיין גיכן שפּאַן.
דיין בענקענדיקע כייקע אַלמאַן.

ביים פאַרמער זשאַק לעוועק

צווישןביימער לויפט א גראָזענער וועג.
דער פאַרמער זשאַק אַרבעט מיט האַק און זעג.
דער הימל הויך און רויט.
וועלוול שפּאַרט זיך אָן אין ברעטער-פּלויט.
אין סוד פון זשאַקס האַרציקע רייד
צאַפּלט זיך די בענקענדיקע פרייד:
ווען עס וועט דורכלויפן די לעצטע אָוונט-באַן,
אָט דאָ אין וואַלד, ווו די בערג שטומען,
וועט מיס אַלמאַן צו דיר קומען.
איך וויל דיר זאָגן, אַז די ליבשאַפט
איז דאָס גרעסטע גליק, וואָס
מיר, מענטשן, פאַרמאָגן.
אָט דאָ ביים וואַלדיקן שליאַך
טראָג איך שטענדיק צו זשערמען
פון ליבע די נאָענטע שפּראַך.

דער ערד-ריח פון פריש-אויסגעגראָבענע קאַרטאָפל
שמעקט פון פולן זאַק.
אין זשאַקס האַנט גלאַנצט
דאָס שטאָל פון דער געשאַרפטער האַק.
קלויסטער-גלאָק רופט צו אָוונטיקע געבעטן.
זיינע גוטע, גרויע אויגן שמייכלען און גלעטן:
מיס אַלמאַן וועט דיך טרעפן
דאָרטן אין טאָל ביי די היי-סטויגן.
מיין זשערמען, וואָס וויים זענען
שוין אירע האָר, בענטשט

מים אַלמאַנס יונגע יאָר
ווי נאָר זי דערהערט איר גיכן שפּאַן,
ווינטשט זי: אַז דאָהי, אין וואַלדיקן גרין,
ווייבער שיין און גוט, ווי מים אַלמאַן,
קריגן זאָלן אונדזערע זין.
יאָ, שטענדיק טראָג אין געדאַנק:
אַז ליבע איז גאָטס ליכטיק געשאַנק.

זשערמען שמייכלט און ברענגט אים פון קעלער
אַ גלאָז קאַלטע זויערמילך און ווייס ברויט אַ פולן טעלער.

ווענצל זעצט זיך אויף דער שטיינערנער באַנק,
אין אָונטיקן וואַלד ציטערט דאָס קלויסטער־געקלאַנג.

רויטע, הייסע שטראַלן — שאַרפע מעסערס
אין די סאַמעט מאָכן אַריינגעשטאָכן.

אויפן שליאַך אויטאָמאָבילן טרובען און יאָגן,
אין וועלוולס האַרץ די טרוימען ליכטיקן און נאָגן.

ווידער טרעפונג

אין געשאַל פון דער לעצטער אָוונט־באַן
טרייסלען זיך שטוב און שטאַל.

מאַדאַם לעוועק מיט געצוימטן שפּאַן
טראָגט די ברייטע, פולע מילך־קאַן.

ביים טייך גאָלדיק, רויט,
לויכט דאָס פאַרמער־שטיבל
מיטן הילצערנעם פּלויט.

צווישן די בערג־ווענט דער טאָג צאַנקט.
וועלוול דערקענט מיט אַלמאַנס גיכן גאַנג.

זי פריים זיך און פאַרטרויט:
אין שטאָט פאָרן אויף אַ וויזיט
וועט דיר אינגיכן ווערן דערלויבט.

דיין לעצטע עקסרעי ווייזט, אַז טראָגסט
אין זיך אומזיסט פון שרעק דעם ווי.
די שפּיץ־לונג איז ביי דיר פאַרהיילט,
מען געפינט נישט מער קיין שאָטן, קיין פלעק,
דאָס האָט מיר דאָקטער מאַכלין היינט דערציילט.
דאָרט אין שטאָט אין דער איינער וואָך
זאָלסטו אויך רוען און גוט עסן,
און אין מיין אַליין־זיין צווישן שטיין און מאָך
זאָלסטו נישט פאַרגעסן.

ווען וועסט צוריקקומען פון שטאָט,
וועלן מיר זיך ווידער טרעפן
אין זשאַקס עפּל־סאָד.
מיט מיין ליבע איך וויל זיך מער נישט באַהאַלטן
אין וואַלד, אין דער טיף פון בערג־שפּאַלטן.
מיר דאַרפן דעריבער זיין גרייט מיט אַ פּלאַן,
ווען אַוועקפירן אונדז ביידע פון דאַן
וועט די פול־געפּאַקטע פרימאָרגן־באַן.

איבער זייערע קעפּ ציטערט און בלעטערט
אַ שווערע צווייגן־שטאַנג.
דאָס גאָלדענע ליכט
פון זונפאַרגאַנג שווימט און שימערט
אויפן בלוי פון טייכן־געזיכט.

זייערע שאָטנס גיסן זיך צונויף.
די כוואַליעס סודען זיך
אין ליכטיקן געלויף.

אין שטאָט

דאָקטער מאַכלין שמייכלט צופרידן:
דער טי. בי. מאַכט צווישן פּאַציענטן
קיין שום אונטערשידן.
דעריבער אין דער איינער וואָך
מייד אוים רייד און געקאָך.
זיי נישט קיין בריה
און אַמפּער זיך נישט מיט די שרייבער
אין דער אָנגערויכערטער קאַפעטעריע.

קומט וועלוול אין שטאָט.
פרי וועקט אים אויף
דער רויש פון אויטאָ־ראָד.
גייט ער אין דער קאַפעטעריע,
וווּ דער דיכטער סאַטין קליין און קרעפּטיק
זיצט אין אַ ווינקל און רימט זיך:
אַ געזאַנג פון טיפן געמיט,
ניי און פרעכטיק
איז מיין לעצט־געדרוקט ליד.
משה־אהרן דער ליץ גלאָצט
מיט זיינע גרויסע, גרינע אויגן.
קיינעמס לידער וועלן היינט נישט טויגן.
ער חוזקט און קרייט ווי אַ האָן:
פאַרציט אַ גאָלד־געשטריקטע פאָן.
פּאָעטן, סאַטינען דינט
מיט אייערע פלייסיקע, יונגע טאַלאַנטן,
טאַקע דעם נייעם דיכטער־געץ

פון אונדזערע אייגענע, היימישע קאַנטן.
ער איז פול מיט פּאָעטישע ברויזן.
אים שטייט נישט אָן זיך צו חברן
מיט מיר דעם פּעדלער פון העמדער און הויזן.
דער לאַנגער משה־אהרן פאַרקרימט די צורה
און לייענט פון סאַטינס ליד די לעצטע שורה.
קאָפּ און שטערן פאַרציט ער מיט אַ פּאַטשיילע.
פון זיינע אויגן קאַפּען טרערן:
פּאָעטן, דער דיכטער סאַטין איז אַ וואַזשנע כלי
קונציק טרייסלט ער מיט די לאַנגע, דינע אויערן:
פּאָעטן, אויפן דיכטער סאַטין, רודערט אייער כעס,
פאַר זיין פאַרשלײַסן פאַר אייך
די טויערן פון ליכטיקן פּאַרנאַס.
רויך פון פּאַפּיראָס לויפט
אים דורך נאָז און מויל:
פּאָעטן, שרייבט מיט רויטן פייער
פון אַ ברענענדיקער קויל.

וועלוול בלאַסט.
אים שטעכן די גרינגע רייד פון שפּאַס.
פּלוצלונג קירעוועט סאַטין אויס
צו וועלוולען זיין קאָפּ און זאָגט:
אַ דיכטער, וואָס לייגט אויף שטימונג זיין טראָפּ,
דאָס הייסע פייער פון טאַלאַנט
אין זיין פילנדיקן האַרץ ער טראָגט.
אייער פּאָעטישע שפּראַך
נאָך אָרעם און שוואַך.
פונדעסטוועגן וויל איך הערן אַ ליד, וואָס איר מאַכט
דאָרטן אין סאַנאַטאָריע, אין טרויער פון דער שטומער נאַכט.
אין שיין פון זון־בויגן צינדן זיך
די גראָבע גלעזער אויף זיינע שוואַרצע, שאַרפע אויגן.

װעלװל נעמט זיך אָן מיט מוט
און לײענט דאָס ליד װעגן
פּאַרמער זשאַק לעװעק,
װאָס שפּרײזט אין ברײטן, שטרױענעם הוט
אױפֿן װאַלדיקן, זאַמדיקן װעג.

סאַטין גיט אַרױס זײן שאַרפֿן פּסק:
שײן זענען די סטראָפֿן װעגן פּאַרמער זשאַק,
װאָס שטײט אױפֿן פֿעלד אין טױאיקן רױך
און װאַרפֿט יונגע, פֿרישע קאַרטאָפֿל
אין בױך פֿון ברײטן, אָפֿענעם זאַק.
אַזאַ ליד שמעקט אװדאי מיט ריח
פֿון װײס־זילבערנעם מאָרגן־טױ.
נאָר די װערטער שװער און רױ,
אַרײַנגעפּרעסט אָן שום געשמאַק,
דאַרף מען אַרומטעסן מיט דער שאַרף
פֿון אַ בליציק, שטאָלענער האַק.
אַלע שװײַגן אױף די ערטער.
װעלװל דערפֿילט, אַז דער דיכטער סאַטין
װיל מיט װערטער אים הױבן און װאַרפֿן,
װי אױף מעסערדיקע שאַרפֿן.
ער ענטפֿערט און שמײכלט:
איר זיצט אין פּאָעטישן היכל
און איר רײסט פֿון אַלעמען אַ פּאַס,
אפֿשר װעט איר באַװיליקן און עפֿענען
פֿאַר מיר די טױערן צום פּאַרנאַס?...
אװדאי, פֿון װעלכן דיכטער מען זאָל נישט רעדן —
אַ פּגימה קאָן מען געפֿינען בײ יעדן,
איך בין נישט אין זיך אַלײן געגאַרט
צו באַקענען זיך מיט אײך שױן לאַנג איך װאַרט.
איך זיץ דאָ צװישן שרײבער — ברידער,
איך האָב דאָ נישט חלילה קײן פֿאַרבאָרגענע צילן.
א. ליעסין האַלט, אַז אין די דאָזיקע לידער,
קאָן מען הערן מוזיק דורך די װערטער שפּילן.

די סאַנאַטאָריע־לידער — שרייבט ער מיר: —
זענען געליִטערט אין פּרימאָרגן־שיין.
פיר פון זיי געשליפן אין ווײ,
אין קומענדיקן נומער „צוקונפט“ גייען אַריין.

איך וויל אייך פונדעסטוועגן לייענען
אויך אַ ליד אויף אַ שטאָטישן מאָטיוו.
אפשר וועט איר פון מיין שרייבן
האָבן דורך דעם אַ בעסערן באַגריף:

שטאָט

„אין פרימאָרגן דעם העלן,
קינדער שפּילן זיך ביי די שוועלן.
שטאָט שימערט אין ווייסן שניי.
איך הער דאָס געזאַנג
פון אויטאָ און טראַמוויי.
שטאָט און מענטש איך בענטש.
שטאָט. אין די שעפער, צווישן די גרויע ווענט,
טאָג־ליכט אויף די קויטיקע שויבן בלענדט.
די פּרעסער, צושניידער און שטעפּער
אין זייערע טרויעריקע יידישע לידער
די בענקשאַפטן ווייגען
נאָך די ווייטע, אַמאָליקע היימען.
ביים לויף פון וואָיענדיקן מאַשינען־ראָד,
הער איך, ווי עס קלאָגט אין פּיין די שטאָט.
און מיין האַרץ יאָמערט אין געוויין:

ווען די זון אַזאַ גאָלדענע איבער דער שטאָט רייט,
אַ הונט וויל כאַפּן אַ ביין,
און אַן אויטאָ צעשניידט
זיין צאַפּלדיק געביין.

פאַרנאַכט. אַ שניי־ווינט
מאַכט די אויגן בלינד.
אַ מאַשין גראָבט אַ פונדאַמענט.
דאָס ראָד קירעוועט זיך
אין געניטע הענט.

שנײ — אַ זילבער־שיכט.
אויפֿן שפּײַן אַן אַרבעטער
נישט דערקריכט.
גוף פֿאַלט, ווערט צעבראָכן.
קאָפּ — אַ קרוג צעשפּאָלטן.
שטאָט, איך האָב דיך געשאָלטן.״

משה־אהרן דער לין טוט אין טיש
מיט דער פֿויסט אַ זעץ:
אַוואַ! אַ שטאַרק ליד פֿון אַ יונגן פּאָעט,
אין וועמענס געמיט טרויער און צאָרן זידט.
דער דיכטער סאַטין ברומט:
אין אַ טאָג פֿון גאָלדענער שײַן,
איז בעסער, אַז אַ יונגער פּאָעט שטומט,
ווען ער זעט פֿאַר אײנמאָל אַזוי פֿיל פּײַן.
ועלוולס בליק הענגט אויף סאַטינס בלײַך־בײז געזיכט.
צאָרן פֿון זײַן מויל שלאָגט:
איר האָט פֿײַנט יעדן יונגן דיכטער, וואָס
צינדט אין ווערטער זײַנע אײגענע ליכטער.
איר זענט נישט מחויב פֿון מײַן שרײַבן צו זײַן אַנטציקט,
אָבער איר זיצט דאָ, און קאַלט און רשעותדיק
אַלעמענס לידער איר פֿליקט.
סאַטין צעשרײַט זיך אין ווילדן כּעס:
אײַערע לידער זענען שאַבלאָן און בלאַס.
קודם כּל דאַרף אַ דיכטער זײַן עכט.
אײַער ליד „שטאָט״ איז ביז גאָר שלעכט.
אין כאָטש עס איז פֿול מיט פֿאַרכטן,
זענען עס לײַדיקע ווערטער
מיט גרינגע גראַמען דורכגעפֿלאָכטן.
איר רעדט וועגן דיכטונג, ווי איר זאָלט געהערן
צו דער טומלדיקער, לינקער ריכטונג.
וועגן פּאָעזיע אָפּגעלעבט און אַלט
זענען אײַערע באַגריפֿן.
דעריבער פּראָפּאַגאַנדע־לידער איר שאַלט

אויף סאָציאַלע מאָטיוון.
הער, משה־אהרן, מיט דער ערשטער אָוונט־באַן
דאַרף מען אין סאַנאַטאָריע צוריקשיקן
אָט דעם נייעם יונג־גרינעם גראַפאָמאַן.

משה־אהרן, קאָפּ און שטערן
אַרומגעוויקלט מיט אַ פאַטשיילע,
בעט נעבעכדיק, ווי דורך טרערן:
גרויסער דיכטער סאַטין,
עס קאָן נאָך פון אים אַמאָל
אַרויס אַ וואַזשנע כלי.
ער איז אַ יונג ביימעלע בעז,
און אין בליען קאָן מיט אים
געשען פון שיינקייט דער נס.
איז ווייזט־זשע אַ קאַפעלע גנאָד
אויף אייער פאַרזויערט פנים
און זייט זיך מרחם כאב על בנים.
יאָ, געדענקט אין דער נידעריק־געהויקערטער דיכטערין
די גבאיטע דבורה־ריילע, וואָס האַלט,
אַז גוטהאַרציקייט איז די גרעסטע מעלה...

וועלוול, מיט טרויער פול, הויבט זיך אויף פון שטול.
ער דערנעענטערט זיך צום דיכטער סאַטין און זאָגט:
רשעות אין אייער האַרץ איר טראָגט.
איר האָט פיינט יענע שרייבער,
וועלכע זענען אַריין אין קאַמף
קעגן הונגער און פיין.

איר פאַרגעסט, אַז אויך דער אָרעמער חסיד אין שטיבל
האָט נישט מער געהאַט, ווי טרוקן ברויט מיט אַ האַרבער ציבל.
איך וועל שוין שטענדיק וויסן,
אַז רשעות איז אייער שטאַם.
איך האָב שוין גענוג אייער גיסן
אין דער קרוג פון האַס — דעם סם.

משה־אהרן מיטן פּנים נעבעכדיק — פֿאַרקרומט
גלאָצט מיט די אויגן און שטומט.

פּנימער אַרום בלאַסן.
אויף די ווענט גאָלדיקן זון־פּאַסן.
וועלוול פֿול מיט צאָרן־ברויז
פֿאַרלאָזט דאָס קאַפּעטעריע־הויז.

הייסער זומער־טאָג
בריט זיינע טריט,
וועלוול מיט איילקן שפּאַן
טראָגט זיך צו דער באַן.

צוריקגעקערט

וועלוול אַנטרינט פון שרייבערישער רשעות.
פון שטאָטישע מערק.
ער פרייט זיך, וואָס
די באַן לויפט שוין ווידער
צווישן ביימער און בערג.

ער איז ווידער דאָ צוריק
ביים קלאָרן טייך, וואָס
שווימט צו דער הילצערנער בריק.

אויפן בערגל ווינטיקט די פאָן,
פאַציענטן אויף רו־שטולן
פאָכען צו אים פון באַלקאָן.

ביי זשאַקס טיש

ביי זשאַקן אין שטיבל
זיצן פיר.
עסן ברויט מיט הערינג
און פאַרטרינקען מיט ביר.

וואַרעמע ווערטער אַרום טיש
פון לאַנגע, פּראָסטע ברעטער.
דער ווינט אין וואַלד הוידעט
די ביימער־שטאַנגען.
ליכטיק און לוסטיק
זענען די היימישע געזאַנגען.

ביים טיש שווימט רויך פון ליולקע־טאַבאַק.
ריח פון ערד שלאָגט פון פולן קאַרטאָפל־זאַק.
איטלעך וואָרט אין פרייד נעגלינט.
פון אָט דער פרייד,
פון אָט דעם גלי,
זינגט אין האַרץ דאָס הייסע ליד.

אָפּשאַץ

אין איינעם אַ זונטיק אויף אַ פולער זייט
דער דיכטער סאַטין די שאַפּונגען
פון אַלע יונגע שרייבער מיט זיין
שאַרפער פּען ער שניידט.

אין זיין בייזן אָפּשאַץ
פּטרט ער איינקע אָפּ
מיט אַ שטעכיקן זאַץ.

אויך וועלוולם לידער
פון וואַלד און מאָך
דערפילן פון זיין צאָרן
דעם שטאָך.

כאָטש קיינער קאָן
אָבער נישט פאַרלייקענען,
אַז וועלוול איז אַ לירישער פּאָעט,
וואָס קומט פון פעלד
מיט אַן אייגן ליד-געבעט.
אין באַגינען-בלוי,
פון דער באַרגיקער שטום,
ער ברענגט אונדז
דעם ריח פון פרישן טוי
אין בעכער פון דער רויטער בלום.

אַט רעדט ער וועגן וועלוולס
לידער מיט לויב,
און אַט חוזקט ער
פון זיינע שורות
און מאַכט אים צו שטויב.

וועלוול קאָן דעם צאָרן
פון זיך מער נישט פאַרטרייבן
און ער באַשליסט דעם דיכטער סאַטין
שרייבן און פרעגן:
צי וויל ער טאַקע צוליב קנאת־סופרים
דעם לעבעדיקן בוים פון דער יידישער ליטעראַטור
אזוי אונטערזעגן, אַז עס זאָל מער
פון קיין שום יונגן שרייבער נישט בלייבן קיין שפור?
עס וואָלט ביי אייך געדאַרפט זיין אַ פרייד
באַגעגענען יעדן יונגן טאַלאַנט
מיט וואַרעמע רייד.
וואָרעם פון סאַמען אָרעמען שיכט
די יונגע שרייבער פון מעבר לים
טראָגן מיט זיך דאָס ליכט
פון אַ נייעם, שעפערישן פלאַם.
וועלוול שיקט דעם בריוו אַוועק.
אָן ענטפער פון דיכטער סאַטין
ער קריגט אין עטלעכע טעג.

דעם דיכטער סאַטינס בריוו

מיין ליבער קאָלעגע וועלוול גראַנבלאַט —
אייער בריוו פון צאָרן
וועט קיינמאָל ביי מיר
נישט ווערן פאַרלאָרן.
איר טראָגט אין זיך דעם מוט
פון אַן עכטן טאַלאַנט, איבער וועמען
איך כוואָשטשע אַמאָל פון קריטיק
די שניידנדיקע רוט.

שווער פאַלט אויף אייך מיין האַנט,
ווייל מיט אַ כאָפּטע גראַפאָמאַנען
איר גייט באַנאַנד.
עכט איז אייער סטראָף
און מיט מיינע ווערטער פון שטראָף
איך וויל בלויז אַנטפּלעקן
פאַר אייך דעם סוד,
אַז אייער ליד וועגן דער שטאָט
ביים רווישיקן טייך, איז שטיל, ליריש
און מיט נייע בילדער רייך.
אויך וויל איך, אַז איר זאָלט פאַרשטיין,
אַז גראָד לידער פון טרויער און פּיין
דאַרפן זיין געצוימט און קליין.

דאָס זיין אַליין איז מיר שווער.
אייער חברשאַפט איך באַגער.

איך וויל האָפן, מיט אייך
וועל איך קאָנען רעדן נאָענט, אָפן.

מיט אייער שורה דער געדיכטער
איר זענט פאַר מיר אַ מוסטער.
וואָרעם, פונקט ווי איך,
קאָנט איר נישט פאַרטראָגן
פסעוודאָ-דיכטער מיט דער פּאָזע דער פוסטער.
מירן איינער פון צווייטן שעפן
און איר וועט נישט דערלאָזן,
אַז די אַלייניקייט זאָל אין תהום
פון טרויער מיך אַריינשלעפן.

מיט דער בענקשאַפט אין מיין האַרץ טיף
איך וואַרט אויף אייער חברישן בריוו.

אייער מ. סאַטין

וועלוול ענטפערט נישט

דער באַגין שווימט אַרויס
פון דער נאַכטיקער בלוי.
אויפן הויכן גראָזן־גרין
פינקלט דער ווייסער טוי.
מים אַלמאַן טרעפט וועלוולען
זיצן אויפן בעט
שרייבן אַ בריוו צו סאַטינען
דעם קריגערישן פּאָעט.

זי נעמט אַוועק פון אים די טינט
און זאָגט: זיי נישט נאַיוו און בלינד.
דער דיכטער סאַטין האָט אַ פּען
שאַרף און דין און יעדן נייעם פּאָעט,
יונג אין יאָרן, ער שטעכט מיט איר,
ווי מיט אַ שפּיציקן דאָרן.
מיט גוטע רייד ער וויל דיך צוציען,
צו קאָנען דיך שפּעטער
מיט זיין שנאה אָפּבריען.

דיינע לידער פון סאַנאַטאָריע זענען פיינען,
וואָס וויינען פון אַ דיכטעריש האַרץ אַ ריינעם.
דיין ענטפער צו אים וועל איך פאַרברענען,
ווייל ער האָט דיין ליד געטאָן פאַרשעמען.

וועלוול גערירט פון איר וואָרענונג און געבעט
ענדיקט נישט דעם בריוו צו סאַטינען דעם פּאָעט.

אין מאָרגנליכט, די אותיות בלויע, בלינדע אויגן
בלענדן אויפן לאַנגן פּאַפּיר־בויגן.

וועלוולען זענען איצט דערווידער
סאַטינס שטראָפן, סאַטינס לויבן.
ווי תמיד, ער באַגערט צו שרייבן לידער,
וואָס זאָלן מענטשן מוטיקן און דערהויבן.

עס בלויט און בלענדט
דער הימל־רוים.
און אויפן באַרג ברענט די זון,
וואָס הענגט אויף אַ שפּיץ פון א בוים.

אָפּן

די פּאַציענטן צווישן זיך שוין ריידן:
אַז פון סאַנאַטאָריע וועט מען אינגיכן אַרויסשיקן ביידן,
וואָרעם אַזוי איז דאָס געזעץ צווישן די סאַנאַטאָריע-ווענט:
אַ נוירס, וואָס פירט אַ ראָמאַן מיט אַ פּאַציענט,
גיט מען אַ בילעט צו פאָרן אין שטאָט מיט דער באַן.

וועלוול און מים אַלמאַן קומען דעריבער צום אויספיר,
אַז דאָס היטן זיך האָט מען נישט קיין זין.
אָפּן דאַרף זיין זייער שפּאַציר אין טאָל, ווו
די סטעזשקעס זענען גלייך און גרין.

און מיט דער ליבע אויפן שטילן גאַנג,
זאָגט איצט מים אַלמאַן אַליין, וואָס
זי טראָגט שוין לאַנג אין איר געדאַנק:
מען קאָן פון זיך אַליין נישט אַוועקפליען,
ווען אין הארצן די בענקשאַפטן בריען.
מיסיס גלינס ווערטער — הייסע קוילן —
ווייל איין אַליין אין וואַלד איך טו זיך
מיט דיר פאַרהוילן.
איך וועל זיך מיט איר מער נישט אַרומקריגן.
איך וועל נישט לאָזן, אַז אונדזער ליבע
זאָל פון איר ווערן באַשפיגן.
זאָל זי טאָן, וואָס זי וויל.
צוליב דער אַרבעט וועל איך נישט פאַרשטיקן
אין זיך פון ליבע דאָס ליכטיקע געפיל.

אונדזער מאָרגן טאָר מער נישט ווערן געמאָסטן
מיט מיין האַלטן אָט דאָ דעם פּאָסטן.

וועלוול ענטפערט:
איך בין דיין געליבטער, איך בין דיין פּאַציענט,
די ליבע איז אונדזער לעבן, איך פאַרטרוי זי
אין דיינע צאַרטע הענט.

זייער שפּאַציר אויף דער סטעזשקע
איז פאַר אַלעמען אָפן.
זיי קערן זיך צוריק צו דער שוועל
פון ווייסן הויז מיטן האָפן פריידיק און העל.

און צווישן בערג הויך און גלייך
שווימט דער טאָג אויפן בלויען טייך.

וואָרום, אין לעבן קומט פאָר פאַרשידן.
און איך וועל זיין צופרידן
צו פאַרטרייבן פון דער אייגענער שטוב
די נויט, אַבי צו דער הייסער זופּ,
וועט אויפן טיש זיין גענוג ברויט.

חבר יוסף טרושטשאַנסקי שטאַרבט

דאָס קאַלטע גלאָז מילך ציטערט אין טרושטשאַנסקיס האַנט.
זיינע אויגן מיט פיבער אָנגעזויגן זוכן
שאָטן און געשטאַלט ביים ראַנד פון בלויען וואַלד.

פון מילך דער אייזקאַלטער טרונק קאָן נישט פאַרטרייבן
דעם פייערדיקן דורשט פון זיין טרוקענער צונג.

ער ליגט אויסגענאָגט און שוואַך
און מיט אויגן אין פיבער־גלאַנץ
ער גלאַנצט צו דער זון, וואָס צינדט
יעזוסעס דאָרנקראַנץ אויפן צלם
ביים וואַלדיקן שליאַך.

מורמל און געוויין
שלאָגט דורך זיינע
ציטערדיקע ציין.

אויף דער שוועל שטייט דער טויט
און פאַרבן ווייס און געל גיסט ער
אויף זיין דינער הויט.

פון לעבן דאָס ליכט לעשט זיך
אויף זיין ביינערדיקן געזיכט.

פון פעלד שלאָגט דער ריח
פון מאָרגנטוי דעם פרישן,

טרושטשאַנסקיס יאָרן
פון צאָרן און פּיין
אין וועלוועלען זיך מישן.

עס ליכטיקט אין זיין זכרון
דער פאַרנאַכט און דאָס הויכע קאָרן,
ווו טרושטשאַנסקי דערציילט אים
פון זיך און פון ביאַליסטאָק
דער שטאָט פון זיין געבאָרן:
„איך בין אַ קאָמוניסט, ווייל מיר אָרעמע
זענען געגליכן צו מיסט.
איך בין אַ קאָמוניסט,
ווייל איך שטיי
מיין גאַנץ לעבן אין קאַמף
קעגן מלחמה וואָס פאַרוויסט
איך בין אַ קאָמוניסט,
ווייל אין ברויז פון ליבע —
מיין טרוים דער יונגער
ברענט אויס אין פּיין פון הונגער.
בענקשאַפט אין מיין האַרץ איך טראָג,
און רק איך הער מיין מיידל קלאָגט:
אין מיר פאַרגעס,
קענסט מיך נישט שפּייזן
אפילו קיין איין מעת לעת.

איך בין דער אַכטער זון
פון אַן אויסגעהאָרעוועטן בעקער.
אין שטאָט בין איך
פון די אַרבעטער דער פלאַמיקער וועקער.
פאַל איך אין תפיסה אריין.
שטאַרבט מיין קראַנקער טאַטע
פון בענקשאַפט און פּיין.
פון די תפיסה־ווענט
קום איך צום אַלטן שטיבל

אין דער אָרעמער נידער,
מיט פיבער, וואָס ברענט
אין אַלע מיינע גלידער.

דער הונגער פאַרטרייבט
מיינע ברידער אין דער פרעמד.
שרייבן זיי מיר מיט שטאָלץ:
אַז אין קאַנאַדע גייען זיי
אין געלע שיך מיט לאַנגע שפּיצן,
און אַ קאָלירט העמד טראָגן זיי
ווינטער אין די שטאַרקסטע פרעסט,
און זומער אין די גרעסטע היצן.
מיינע ברידער זענען גוט און געטריי
און פרייען זיך, וואָס איך בין
שוין אויף דער פריי.
זיי שיקן מיר דאָלאַרן,
אַז איך זאָל מיט זיי
די לעכער אין די קראַנקע לונגען פאַרשפּאַרן.
קריניץ און שטשאַווניץ.
אייער, בילך, אַ פעטע קאַרטאָפל-גריין.
סמעטענע, פּוטער, פיש און עוף.
איך עס, רו און שלאָף.
שטאַרק דער אַפּעטיט.
דער דאָקטער זאָגט:
מעגסט שוין שטעלן
גרעסערע טריט.

דער עלטסטער ברודער שרייבט:
האַרציקע גרוסן דיר
פון מיר און מיין ווייב.
אַהער צום נייעם אָרט
די גאַנצע וועלט פאָרט.
אויך אויף דיין שיפסקאַרט
וואַרט שוין די שיף אין פּאָרט.

זענען פאַר מיר פאַרשלאָסן
אַלע טירן.
פון פוילן איך קאָן
זיך נישט אַרויסרירן.
ווייל צו פאָרן אין דער פרעמד,
דאַרף מען אויך האָבן
אַ מאָראַל־דאָקומענט,
אַז מען איז אין תפיסה
קיינמאָל נישט געווען פאַרקלעמט.
איך קאָן נישט קריגן קיין פּאַס
פאַר מיין טראָגן צום פאַשיזם אַ האַס.
איז פאַר געלט מאַכט מען מיר אַ פאַלשן דאָקומענט,
און געזיכערט איז שוין דאָס פאַנסקע־פוילן
מיט איר פאַשיסטישן פונדאַמענט...
איך דערזע אָבער גלייך,
אַז אויך דאָ אין נייעם לאַנד,
וואָס איז מיט שפע פול, ווי אַ קוואַל,
איז דער אַרבעטער פאַרקלעמט
אין דער האַנט פון הערשנדיקן קאַפּיטאַל,
נאָך רייכקייט דאָהי נישט איך לויף,
צום אַרבעטער־קלאַס איז מיין ערשטער חוב.
אין אָוונט נאָך דער אַרבעט
בלייב איך זעלטן אין הויז.
וואָרעם שטאַרקער ווערט דאָהי
פון קלאַסנקאַמף דער ברויז.
נאָר ווייט קאָן מען נישט
פאָרן מיטן לעבן דעם יונגן,
ווען דער ט. ב. גריזשעט די לונגען.
אין פיבער, אין פיין, אין צאָרן
ברענען אַלע מיינע יאָרן.
מיך וועט שוין פון דאַנען
דער טויטן־וואָגן אײנגיכן
אין שטאָט אַוועקטראָגן.
אָבער דו, וואָס ביסט באַצייטנס

אין סאַנאַטאָריע אריין,
זאָלסט נישט פאַרגעסן
דערציילן פון אונדזער גאַרונג און פּיין.
שעלט די רייכע, וואָס
שליידערן אונדז אריין
אין דעם תהום פון דער נויט.
שטיי מיט די, וואָס קעמפן,
אַז אַ זאַטע, זיכערע וועלט,
זאָל ווערן אויפגעבויט.
וואָרעם ייד מיינט נישט
בלויז היטן פון דורות
דעם געירשנטן לעבנס־אַרט.
אַ יידישער פּאָעט דאַרף אַרויסטרעטן
קעגן די, וועלכע האַלטן
דעם אָרעמאַן אין נויט פאַרשפּאַרט.

וואָס טוט דאָס יידישע פאָלק
פון זיין וויטן עלטער?
די נביאים קעמפן מוטיק
קעגן די רייכע און
די רשעותדיקע געוועלטער.
לידער דאַרפן ווערן געשאַפן
צו באַפרייען אַלע מענטשן, וואָס שקלאַפן.
לידער מיט קאַמפס־גייסט דורכגעדרונגען
וועלן שטענדיק ווערן געלייענט און געזונגען."

דער שטיין פון ווינטן צעבראָכן
ליגט פאַרזונקען אין די ווייכע מאָכן.
טרושטשאַנסקי מיט פייכטע אויגן,
פול מיט טרויער, קוקט
צום גאָלדענעם זון־בויגן, וואָס
הענגט הויך איבערן האָלצערנעם טויער.

איצט טויט־אַנגסטן פון אים שלאָגן.
ער מורמלט און קאָן די ווערטער נישט אַרויסזאָגן.
אַ כאָרכל. לעצטער טרייסל מיט אַלע ווייטיקדיקע גלידער.
טרושטשאַנסקי קייקלט זיך אַריין
אין דער אייביק־נאַכטיקער נידער.

וועלוול שטייט פון דער שטול אויף.
טרושטשאַנסקי מיט פינצטערניש אין די אויגן
גלאָצט צום באַלקן אַרויף.

פון לעבנס־בוך אויסגעמעקט.
זיין גוף פאַרגליווערט, געל
מים אַלמאַן מיט אַ ווייסן ליילעך
פאַרדעקט.

אין געוויין דאָס פנים וואַש
נאָכן מענטשנס טאָג, וואָס
ברענט אויס און לאָזט
אין ערגעץ נישט איבער
קיין צייכן פון אַ בערגל אַש...

וויין שטיל, וויין הויך,
דער מענטש איז ווינציקער
ווי אויפן באַרג פון טוי
דער גרויער רויך.

אין טרויער

ווערטער פון ווייטיק
טיף אין האַרץ פאַרשפּאַרט.
די לבנה שפּרייזט אַ טרויעריקע
אויף די היי-סטויגן,
שטילט און וואַרט...
און די שטערן — אויגן פאַרשכורטע
מיט ווייסן ווין פון לויטערן ליכט —
שימערן און שווימען אין נעפּל-רויך
פון וואַסער געזיכט — — — — —

מיסיס גלין מסרט

מיסיס גלין וויל האָבן אַ זיג,
און מיט צאָרנדיקע רייד
אַ געקריג זי גרייט.

זי וויל נאָר צווינגען,
אַז אויך מיס אַלמאַן
זאָל מיט צאָרן אַרויסשפרינגען.

מיס אַלמאַן אָבער ענטפערט
איר תמיד געלאַסן און געדולדיק:
קענען אייך איך האָב זיך דאָ
אין קיין זאַך נישט פאַרשולדיקט.

מיסיס גלין מסרט אין אַ ראַפאָרט:
אויף נאַכט־דינסט איז מיס אַלמאַן
זעלטן אויפן אָרט.
דעם זשאַרגאָנישן דיכטער פון ערגעץ
א פאַרדריפעט שטעטל ביים בוג
ייִדן פרימאָרגן ברענגט זי
מילך אַ פולע קרוג.
נישטאָ וואָס צו קלערן, גאַנץ אָפט זע איך,
ווי זי דריקט צו אירע ליפן צו זיין שטערן.
מיס אַלמאַן איז דעריבער אין סאַנאַטאָריע
אַ פרעמדע פלאַנץ,
זי פאַרשטייט נישט, אַז צווישן מעדיצינישן פערסאָנאַל

און די פּאַציענטן מוז זיין אַ דיסטאַנץ.
דעריבער דעם דאָקטער איך ראַט,
ווי צום גיכסטן זי שיקן צוריק אין שטאָט.
אָבער דער נייער דאָקטער מאַרץ ברייט און קורץ,
באַקלאָגט זיך גאָר אויף מיסיס גלין,
אַז מען קאָן פון איר קריגן אַ בלוט-שטורץ.

דער נייער דאָקטער מאַרץ זאָגט: מיסיס גלין
עסט אויף יעדער נוירס דאָס האַרץ,
וואָס וואַגט אָפּוייכן אַ ביסל פון דער רוטין.

מיט איר בייזער, שאַרפער צונג
זי וויל פאַרטרייבן יעדע נוירס שיין און יונג.

מיס אַלמאַן ער לאָזט וויסן בסוד
פון דעם מסירה-באַריכט.
און הגם אירע רייד זענען געשריבן
מיט טינט שוואַרץ און געדיכט,
דאַרף מען זיך נישט שרעקן
פאַר שיקן אין שטאָט,
ווייל ער וועט זיין אַן עדות,
אַז געטריי און גוט
זי טוט איר פליכט.

מיס אַלמאַן דעם דאָקטער פאַרטרויט:
אַז זי וואָלט שוין לאַנג אין קאַנאַדע
אַ היים פאַר זיך געבויט.
נאָר אין איר מאַמעס שטיבל
מיט די קרישלענדיקע ברעטער
צו דער בלאָטיקער ערד געבונדן
וועט דער הונגער-פיין גלייך ווערן אָנגעצונדן,
אויב עס זאָל עפּעס געשען,
זי זאָל נישט קאָנען, ווי געווען,
שיקן יעדן חודש די דאָלער די צען.

מים אַלמאַן האַלט אין האָפן,
אַז דאָקטער מאַכלין וועט זי נישט באַשטראָפן.
צו זיין זונטיקדיקן וויזיט זי מאַכט זיך גרייט
מיט אַן אָפן האַרץ צוריקצושלאָגן
מיסים גלינס מסירה־רייד,
וואָס טוען זי אָנקלאָגן.

מיס אַלמאַן בלייבט

זונטיק פרי.
אין דאָקטערס צימער,
הינטער אַ פאַרמאַכטער טיר
זיצן פיר.

מיסיס גלין מיט איר
זייער, קאַלט געזיכט
רעדט, ווי אַ פּראָקוראָר
אין געריכט:
מיס אַלמאַן וויל זיך נישט אַריינפּאַסן
אין סאַנאַטאָריע־רוטין.
יעדן טאָג זי ברעכט
די דיסציפּלין.
ווי געשריבן אין ראַפּאָרט,
זי איז זעלטן אויף איר אָרט.
איר מאַכט נישט אויס,
אַ „באָי" געל צי גרין.
איר ליגט בלויז אין זין:
מיטן דיכטער יעדן פאַרנאַכט
אַרומשפּאַצירן ביים וואַלדיקן שליאַך.

מיס אַלמאַן ענטפערט געצווימט און געלאַסן:
מיסיס גלין האָט הנאה פון הערשן און האַסן.
זי וויל מען זאָל מיך פון דער אַרבעט אָפּזאָגן,
וועט זי די אַנדערע נוירסעס נאָך מער קאָנען
טרייבן און יאָגן.

די נוירסעס קאָנען זיך נישט פאַרטיידיקן.
זי טוט זיי פאַר די אויגן פון די פּאַציענטן באַליידיקן.
וואָס שייך וועלוולען, וועט ער געווים זיין מיין מאַן,
זי דאַרף דעריבער נישט קאָנטראָלירן מיין יעדן שפּאַן.
מיסיס גלין ווייסט גאַנץ גוט,
אַז איך נייג נישט אָפּ פון דער רוטין,
און ביי דער אַרבעט איך ברעך
זעלטן די דיסציפּלין.
אויף נאַכט־דינסט איך בין שטענדיק אויפן אָרט.
איך בין שטענדיק וואַך
און איך היט דעם גאַנצן „וואָרד“.
צו וואָס דאַרף מיסיס גלין
אַזוי פיל שלעכטס אויף מיר געפינען?
זאָל דאָקטער מאָרץ זאָגן,
צי איך בין נישט אויף די פיס יעדן באַגינען.

דאָקטער מארץ זאָגט קלאָר און הויך:
מיסיס גלינס רייד זענען הוילער רויך.
מיס אַלמאַן, אַ נוירס גוט און געטריי,
איז אפילו נאָך דער אַרבעט זעלטן פריי.
יאָרעס זי טראָגט שטענדיק דעם צער
פון אַ פּאַציענט, וואָס איז אין געפאַר.
און דער דיכטער וועלוול
איז אַ געהאָרכזאַמער פּאַציענט.
אָן דעם דאָקטערס דערלויבעניש
פאַרלאָזט ער קיינמאָל נישט
די סאַנאַטאָריע־ווענט.
דאָקטער מאַכלין רופט זיך אָפּ
האַרב און שטרענג:
מיסיס גלין, איך וואָרן אייך,
קיינעם פון מיינע נוירסעס
נישט צו מאַכן דאָ ענג.
מיט וואָס פאַר אַ רעכט
ווילט איר דאָס ליב־האָבן פאַרווערן?

מישט זיך נישט, וואַגט נישט
קיינעמס יונג לעבן צו צעשטערן.
סיי ווי אויף דער רו-שטול
דאַרף וועלוול גאָר ווינציק ליגן,
לאָזט אים זיצן ביים טייך
און קוקן אויף די כוואַליעס,
וואָס קלאַפּן צווישן
די פעלדזענע שטיגן.
ער דאַרף נאָך אַ ווינטער
דאָ איבערזיין.
פאַרשאַפט נישט אַזאַ טאַלאַנטפולן דיכטער
קיין איבעריקע פּיין.
זיינע לידער, וואָס דרוקן זיך
אין בעסטן, יידישן ליטעראַרישן זשורנאַל
זענען פּאָעזיע פון לויטערסטן קוואַל.
אַזעלכע נוירסעס, ווי מיס אַלמאַן
דאַרף מען שאַנעווען,
און מען טאָר זיי נישט שיקן מיט דער באַן
אין דער שטאָט פול מיט סלופּעס און דראָט.

— — — — — — — — —

מיט אויגן אין פריידיקן שימער
קימט מיס אַלמאַן אַרויס פון דאָקטערס צימער.
סוף-זומערדיקער קילער אינדערפרי.
שורות פייגל איבער פעלדזן
רוישן אין געפלי.

דער ברויז פון בלוט

מיסים דזשעני פלאַם

די ליבע אין איר הייסן ברויז צינדט דאָס בלוט
פון די אַרומגייענדיקע פּאַציענטן אין ווייסן הויז.

פון דער ליבע קאָן מען נישט אַנטרינען,
אפילו דאָ צווישן שטיין און דאָרן־געשפּינען.

אָט איז מיסים פלאַם — אַ פרוי אַ יאָר פינפאונדרייסיק אַלט.
זי האָט נישט איבער זיך קיין שום צאַם,
ווען זי איז אַליין מיט חיים וואָלינער אין וואַלד.

גאָלדיק־רויט גליט איר געדיכטער קאָפּ־האָר.
אין אירע בלויע, שימערדיקע אויגן ברענט די גלוסט
פון רייפע, נישט געזעטיקטע יאָר.

זי האָט אַ מאַן און קינדער צוויי.
און זי טראָגט זיך אַוועק מיט אַ גיכן שפּאַן,
ווי נאָר מען דערמאָנט איר וועגן זיי.

דאָס געבלימטע קלייד אויף איר הויכער, פולער פיגור
איז פאַרצויגן מיט אַ ברוין־לעדערנער שנור.
יעדן זונטיק קומט איר מאַן נעבעכדיק און קליין
און טענהט צו איר אין געוויין:
איך בין טאַקע אַ פשוטער איינבינדער,
אָבער איך האָב דיך ליב
און טייער זענען מיר די קינדער.
ביסט נישט זייער קראַנק.

מען וועט דיך דאָ
נישט האַלטן לאַנג.
הער זיך צו מיר איין,
און ברענג מיר נישט
אומזיסט קיין פּיין.
מאַכסט פון מיר דאָס געשפּעט,
ווען דו פאַרלאַנגסט פון מיר אַ גט.

אָבער חיים וואָלינער וואָרנט זי,
אַז זי זאָל נישט פאַרלאָזן איר מאַן,
ווייל כאָטש ער איז אַ בוכהאַלטער
נאָך פון דער היים, איז ער דאָ
פאָרט אַ גרינער, וואָס אָן דער ענגלישער שפּראַך
וועט ער די ערשטע צייט נישט קאָנען
אויפטאָן קיין סך.

זיינע גרויע אויגן שמייכלען
דורך די ברילן אין רעמלעך פון גאָלד.
און וואַלד ער מורמלט פאַרסודעט:
דזשעני איך האָב דיך האָלט.

צווישן ביימער הויך און געדיכט
ער קושט איר צעפלאַמט געזיכט.
ער שעפּטשעט גאַרנדיקע רייד
און זי ברענגט אים איר פאַרליבט האַרץ
פול מיט פיבערדיקער פרייד.

חיים וואָלינער, אַ יונגערמאַן
מיט אַ גלייכן, איידעלן געבוי.
אים זוכן מיסים פלאַמס פאַרליבטע אויגן,
וואָס בלענדן אין שימער פון טיפן בלוי.
איר גוף פול מיט גאַרן
וויל אין זיינע הענט
אויף שטענדיק זיך פאַרשפּאַרן.

איר מאַנס געבעט
און דעם דאָקטערס שטראָפֿן
פֿאַרלעשן נישט אין איר
די פֿרייד פֿון ליכטיקן האָפֿן.

דזשעני פּלאַם איז אַ פֿאַרבענקטע פֿרוי,
וואָס איר פֿאַרליבט האַרץ איז איצט
אַ בעכער פֿול מיט ליטערן טוי.

אין וואַלד שורות פֿייגל
אויף די צווייגן זיצן.
די לעצטע, פֿאַרנאַכטיקע שטראַלן —
הייסע, גאָלדענע שנורן ציען זיך
דורך די ביימער־שפּיצן
און פֿאַרוויקלען צוויי גאַרנדיקע פֿיגורן.

ווי לאַנג וועט זיי פֿירן
ביז ליבע דער ברויז?
ווען דער טייך וועט
אָנהייבן פֿאַרפֿרירן,
וועט חיים וואָלינער
פֿאַרלאָזן דאָס ווייסע הויז.

דער מאָלער יוסף גאָרן

דער רויטער פֿאַרנאַכט צינדט די שוועל.
די ווענט גראָען.
דער מאָלער גאָרן אַרבעט איבער אַ געמעל
שוין לאַנגע שעהן.

מיטן פּענדזל פֿאַרקלעמט אין האַנט
שפּאַנט ער אויפֿן בלויען הימל־ראַנד.
ער טרייסלט דעם קאָפּ מיט די לאַנגע, ווייסע האָר,
אין דער הימל אויפֿן לייוונט העל און קלאָר
שווימט איבערן טאָל, וווּ עס לויפֿט אַ טייך
מיט וואַסערן לויטער־קרישטאָל.

אַ וואַלד, אַ וועג, אַ שטיבל, אַ צוים.
אַ פֿאַרמער ציט די זעג דורכן בויך
פֿון אַ ברייטן, הויכן, בלעטער־בוים.

דער פֿרומער ר׳שמואל קוקט פֿאַרחידושט אויפֿן געמעל
און זאָגט: מ׳קאָן פֿאַר דעם נישט קויפֿן
אפֿילו קיין האַלב פֿונט מעל.

יאָס טויג די גאַנצע קונץ,
מ׳קאָן מיט איר קיינעם נישט היילן,
זי ברענגט זינד און זי דינט
בלויז דעם רייכן לײדיקגייער צו פֿאַרווײַלן.

דער מאָלער גאָרן, שווער־לייביק און פֿול,
זעצט זיך אַוועק אויף דער שטול.

ער שמייכלט גוטמוטיק און גיט ר׳שמואלן צו פארשטיין:
די קונסט דערהויבט דעם מענטש
און מאכט זיין הארץ ריין.
און תהילים, און זיינע געזאנגען,
אונדזער הארץ ווערט צעגאנגען.
ווייל דאס געבעט און טיפן טרויער
טראָגט זיך צו גאָטס הימל־טויער.

ר׳ שמואל האָרכט און רופט זיך אָפּ:
אויפן געמעל איך זע
און פעלד א סנאָפּ,
א הימל הויך און העל
פון די פארבן וואקסט אויס א בוים
מיט בלעטער, מיט קאָרע און קארבן.
די ביכער זענען פול מיט איידעלע רייד,
און דער אָרעמאן האָט נאָך אלץ נישט
אויפן לייב קיין גאנץ קלייד.
דער מאָלער בוקט זיך
צו די רייכע שוועלן
און ברענגט זיי זיינע
שענסטע געמעלן.
און די רשעות ווערט גרעסער.
און יעדער דור שארפט אויפסניי
דאָס מלחמה־מעסער.

דער מאָלער גאָרן דרייט אויס דעם קאָפּ
און ענטפערט אָפּ:
קענען שלעכטס הארף איטלעכער
אויף זיין אופן זיין א קעמפער.
מען טאָר זיך אליין נישט אריינגליטשן אין יאוש
און יעדן טרוים שליידערן אין פינצטערן תהום.

די קונסט איז שיין,
די קונסט איז גלויביק,

און דורכגעגליט אין הייסן געפיל:
בעסער מאַכן דעם מענטשן
איז איר הויכער ציל.

מיט מיין פענדזל איך וויל
געבן צו פאַרשטיין:
אַז קיין לאַנד טאָר מער נישט זיין
אַן אָפּגעריסן אינדזל פאַר זיך אַליין.

די קונסט טאָר קיין
שום עוולה נישט פאַרהילן,
די קונסט טאָר נישט געשאַפן ווערן
די רייכע לײַדיקגייער צו פאַרשפּילן.

דער קינסטלער מיט זיין מוט
דאַרף תמיד רופן אַרויסצורייסן
פון די אַליין־הערשער די רוט.
און דער מענטש אין אַ וועלט,
וואָס שענערט זיך אין אייביקן עלטער,
זאָל מער נישט שטיין אין שרעק
און ביי אכזריותדיקע געוועלטער
בעטן רחמים אויף לעבעדיקע טעג.

טראַכט איר אַמאָל פון ישעיהו הנביא,
פון דעם אויסזען פון זיין געשטאַלט,
ווען ער וויל זיין לעבן ראַטעווען
אין אַן אַלט געדיכטן וואלד.

ישעיהו הנביא דערשראָקן, גרוי,
לויפט צווישן הויכע ביימער,
וואָס רויכערן אין מאָרגנטרוי.
אין די אויגן ברענט דער גרויל.

דאָך די ווערטער אין זיין מויל
זינגען אליץ די וואונדער־זעונג
צו דער וועלט פון פרידן:
„שווערדן, שפּיזן אויף אַקעראייזנס
וועט מען איבערשמידן“.

די באָרד אין ווינט פלאַטערט.
פון הונגער, דאָרשט און וואָגל
ד׳ער גוף פארמאטערט.
נאָר די וואונדער־זעונג שטראַלט:
פון פרייהייטס־האָרן שלאָגט
דאָס פרייד־געשאַל.
און אָפן איז פאר יעדן
דאָס וואַסער פון ליכטיקן קוואַל.
דאָס האַרץ פלאַטערט:
דאָס וועט זיין אין יאָרן שפּעטער,
אין דער פרידן־וועלט דער זאַטער.
פאר אַלעמען וועט דער פרילינג זיין
פול מיט בלי און בלעטער.

ביימער אָנגעטאָן אין רויך
פון טויאיקע כאַלאַטן.
שווער קלאפּן די טריט
פון זוכנדיקע סאָלדאַטן.
עס פארשלינגט אים
די הוילקייט פון א בוים.
צום לעצטן מאָל ער זעט
ד״י זון אויפן גאָלדענעם הימל־זוים.
ד״י זעג צעשניידט זיין גוף,
נאָר נישט דעם טרוים, וואָס
רופט צו פרייע פרידלעכע טעג.
יאָ, אין א וועלט פון פריי און פרידן,
פון ליבשאפט פאר פעלקער ווייט און פארשידן
וועט דער מענטש מיטן טרוימערישן געזיכט

אַרבן דאָס לויטערע ליכט פון די העלע פארבן.
די ביכער פול מיט ליבשאַפט און וויסן
וועלן מיט זייערע רייד די פארהוילנסטע סודות אויפשליסן
און ברענגען דעם מענטשן רו און פרייד.

ר׳שמואל תמימותדיק צעשמייכלט
קוקט אויפן בילד און זאָגט:
ווי יעדער בעל בטחון זענען אייערע רייד
אין ליכט פון לויטערן גלויבן פארהילט.
יעדער איש תמים
מוז האָפן אויפן
„באַחרית הימים".
איז זאָל טאקע גאָט ברוך הוא
מיט זיין גרויס גנאד
בקרוב שיקן משיחן
צו דער בבל־שטאָט.

עס שטילט דער „וואָרד".
א טרער טריפט אריין
אין ר׳שמואלס גרוי־געדיכטער באָרד.

פארנאכט. די בערג דרימלען,
די שטיינער שטומען.
פול מיט זילבער־טוי
זענען די בלומען.

אין טאָל בילן די הינט.
די ביימער כיים שלאָף
בוקן זיך אין שטילן ווינט.

האַרבסט

האַרבסטיקער, שטילער וועג
דערמאַנט וועלוועלען דעם נאָגנדיקן אומעט אין שטעטל,
אין די פרומע, פּאַרכטיקע, אַלולדיקע טעג.

פרייד פון וואַלד פאַרשוווּנדן,
טייכן און טאָלן אין שאָטנס
פון טרויער געבונדן.

שטום און ליער
אין האַרץ לויטערט זיך די טרער.

גאָלדענער גלי פון פאַרבן.
די לאַנקע ליגט
אַ געל — אָפּגעגאָלטער שאַרבן.

אין וואַלד שעפּטשען די בלעטער.
זיינע טריט טרעטן אין דער פרידן־רו
פון די היימישע, שטילע ערטער.

האַרבסט. אַ בלויער נאָדל־בוים
מיט זיין דינעם צווייגן־שפּיץ
פינגערט צום העלן הימל־רוים.

סליחות

דורך די גאָלדענע בלעטער
פון דעם אַלטן, קרומען בוים
הארבסטיקע ווינטן לויפן און ברומען.

אין סאנאטאָריע־שולעכל אלולדיק און פרום
קומט צו סליחות אפילו בעני דער בעל־מום.

ער הינקט אריבער דער שוועל
און מישט פון דער סליחה די בלעטער.
און זיינע אויגן וואסערדיק און געל
זויגן די קליינע, שווארצע ווערטער.

עס פרייט זיך דער מאָלער יוסף גאָרן:
האַרבסט, אָפּגעשאָרן פון פעלד דאָס קאָרן.
די יידישע רעליגיע מיט איר לעבנס־פאָרם
ווערט אויך דאָהי נישט פאַרלאָרן.

ר׳שמואל מיטן פנים צום טאָל
שאָקלט זיך אין לאנגן טלית
פון ווייסן וואָל.

דער בעל־תפילה א ייד קליין און דאַר
קלאָגט ביים עמוד מיט א בעטנדיק קול
אָנגעזאפט מיט צער.

אין שולעכל, אין מאָרגן־שיין,
תפילות וויינען אין טיפן פיין.

„כל ראש לחלי, וכל לב דוי״
די יסורים אין האַרץ ברענען
אויפן סאמען דנאָ.

פּאַרטרוימטע בערג שווייגן.
טרערנדיקע, יידישע תפילות
צו די שטומע הימלען שטייגן.

דער האַרבסט ברענגט דעם טרויער
און יידן מיט א צעבראָכן געמיט
ווילן מיט געוויין אויפרייסן אין הימל־טויער
דעם גרויען גראניט־שטיין.

דער מאָלער יוסף גאָרן רעדט:
קוקט און זעט,
יידן שטענדיק אויפן וואָגל־שליאַך
לייטערן דאָס האַרץ
אין דער בעטנדיקער פּיוטים־שפּראַך.

א ייד פון א ווייט א פרעמדער
היימישט איין זיין פּיין
אין נייע לענדער.

דאָס שולעכל, דער באַלעמער —
די היים פון יידישן בעל־מלאכה און קרעמער.
אַן ארון־קודש, אַן עמוד,
א פּאָר בענק און טישן,
און יידן לאָזן זיך נישט
צווישן די פעלקער אויסמישן.

וועלוול שמייכלט און גיט צו:
אין שולעכל געפינען

פיל יידן טרייסט און רו.
אָבער פאַר אונדזער דור
איז די יידישע ליטעראַטור
פון המשך — די בינדנדיקע שנור.

אין שולעכל, אין האַרבסטיקן, פלאַמיקן פאַרטאָג,
יידיש געוויין בעט און קלאָגט.

די נוירם נעלי קעי

ווינטער. עס פארשטילט
פון טרויער דער וויי,
ווען דאָס לויטערע ליכט
פון דער זון צינדט זיך
אויפן ציך פון ווייסן שניי.

די נוירם נעלי קעי, וואָס
וועקט דעם „וואָרד" מיט
אירע גיכע טריט,
טראָגט דעם וויטיק
פון ליבע אין איר געמיט.

אַלע ווייסן, אז די נוירם נעלי קעי
האָט גראָד אין הייסע זומער-טעג
ליב צו פאָרן אין שטאָט און דאָרט
אויפן מאַרק, צווישן וואָגנס און טראָקס
פארצויגן מיט דראָט, שטיין און קוקן
אויפן צלם, וואָס בלענדט אויפן באַרג.

יעדן סוף חודש, אין א קאָלירטן סוועטער פון וואָל,
צום נאָענטן דערפל, וואָס רוט אין דער טיף פון טאָל,
זי לאָזט זיך איין-אליין דורכן וואַלד
אריינצוליייגן אין באַנק דאָס גאנצע געהאלט.

איר ציל: איר יינגערער ברודער
זאָל נישט אויסוואַקסן צו זיין א האנט

אין דער דאָרפישער זעג־מיל.
זי גרויסט זיך: ער וועט זיין א געלערנטער יונג —
אן אדוואָקאט מיט א געשליפענער צונג.
נעלי קעי מיטן געטאָקטן געשטאלט
האָט ליב די שעפּטשענדיקע שטילקייט
אין געדיכטן, שאָטנדיקן וואלד.

זי איז דין און לאנג.
אירע הויכע, געשניצטע פיס
טראָגן זיך אין גיכן גאנג.
צום הימל איבער די בערג פארצויגן
גאפן אירע ברייטע, גרינלעכע אויגן.
איטלעך איינעם זאָגט זי:
אוועק וועט פון דיין פנים
דער פיבערדיקער גלי.
שלים מיטן לעבן א בונד.
עס און רו, און וועסט זיין
פריילעך און געזונט.
וואָיעט אין טאָל דער וואָלף —
דריי זיך אוים צו דער וואנט
און פארגעס די פיין אין שלאָף.
קיינער ווערט פון אים דאָ נישט געביסן.
דער פארמער וועט א קויל אין אים ארייננשיסן.

נעלי קעי מיט די אויגן ברייט און גרין
גארט נאָך דער ליבע פון מיסטער ברין.
די בענקשאפט בריט
איר יונג געמיט.

איינמאָל וועלוולען זי פארטרויט:
אז מיסטער ברינס ליבע זי באגערט,
ווי א הונגעריקער ברויט.

ער ווייסט, ווי טיף אין מיין האַרץ
איז פון באַגער דעם פלאַם,
נאָר אויף זיין מויל ער טראָגט
פון שווייגעניש די שווערע צאַם.
רעד איך פון מיין פיין און טרויער,
שווייגט ער, און זיינע טריט
פארקירעווען זיך גלייך
צום סאנאטאָריע־טויער.
פון זיין ליבע איך טראכט און טרוים.
פון מיין ליבע, פון איר הייסער שפּראַך
ווייסט שוין, דאכט זיך, בוים און שליאַך.

וועלוול פילט די פיין
פון אירע הייסע באַגערן,
אָבער ער ווייסט, אז מיסטער ברינס ווייב
וועט זי קיינמאָל נישט ווערן.
וואָרעם פון ברינס א נאָוועלע וועגן א פראנצויזיש מיידל
מיט אויגן גרינלעכע און העלע
איז אים באוווסט, ווי שטארק
זיין ליבע נאָך איר גלוסט.
נאָר ער לאָזט זיך נישט פירן
פון ברויזיקן בלוט.
ער זעט דעם מאָרגן, וואָס האלט
תמיד אָנגעגרייט די שטראָפנדיקע רוט.
וואָרעם א מענטש אין יאָרן אַלט,
וואָס לויפט נאָך יונגער ליבע
שטרויכלט און פאלט.

עס איז ערשטנס א פראגע צי נעלי קעי
וועט איינוויליקן זיך מגיר צוזיין.
צווייטנס, אין א פּאָר יאָר שפּעטער,
קאָן זיין לעבן ברענען
אין פלאַם און פיין:
וואָרעם ער איז אין אזא שטאַנד,

אַז ער קאָן קיינמאָל נישט פאַרלאָזן
דאָס דאָזיקע, שטייניקע באַרגלאַנד.
ער איז פון איר מיט אַ סך יאָרן עלטער.
ער קען מער נישט אין דער ליבע
ווערן ייִנגער און צעהעלטער.
און נעלי קעי מיט איר יונגן ברויז
דאַרף האָבן קינדער און אַ הויז.
מיינט עס, אַזאַ יונגע פרוי
אין דער היגער, וואַלדיקער איינזאַמקייט
אויף שטענדיק איינשפּאַרן.
אין אַזאַ אומעטיקער גרוי
וועט די ליבע גאַנץ גיך
פון איר האַרץ זיך אַרויסשאַרן.
איז ווייזשע קאָן מען זיך אַזוי
אין אַזאַ ליבע לאָזן פאַרוועבן?
וואָס פאַר אַ פרייד קאָן זי דען אים געבן?

ברין פאַרענדיקט די נאָוועלע
וועגן דער פראַנצויזישער מיידל
מיט די גרינלעכע אויגן די העלע:
אַז פון ליבע דער וויי
טיף אין האַרץ איז פאַרבאָרגן.
און וועמען עס איז גליק אָנגעשריבן,
וועט עס האָבן, ווען אָט דאָס יונגע מיידל
וועט זיך אין אַ יונגן בחור פאַרליבן.

נאָר נעלי קעי וויל
פון איר ליבע נישט אַנטרינען.
טעג פון פרייד זי האָפט
נאָך צו געפינען.

אין אָוונט־שיין
מיטן גלי פון איר פּיין
זי אַנטרינט צום וואַלד,

ווו צוווישן פאראייזיקטע ביימער
דער שנייאיקער ווינט
שפרינגט און שאלט.

זי שפרייזט דאָרט איין־אַליין,
און די גלוסט גליט
אין איר יונג געביין.
אָוונט־שיין
טרער נאָך טרער רינט.
און דער ווינט שרייט
און שלינגט די הייסע טראָפּנס
פון איר גליאיקער פיין.

סיימאָן און סוזי

די אכצניאָריקע סוזי באַרט
מיטן פּנים ווייס און גלאַט
שמייכלט ליב און צאַרט
און וויל מיט קושן פון ליבע
ווערן זאַט.

עס העלפן נישט דעם דאָקטערס
וואָרנדיקע רייד.
די ליבע מיט איר יונגער פרייד
ברענט מיט הייסן ווייז.
סוזי באַגערט אלע וואכע
שעהן פון טאָג מיט איר
געליבטן נאָענט זיין.

סוזי באַרט וויל אין ווייסן הויז
נישט זיין פארשפּאַרט.
מיט דער פרייד פון יונגן ברויז
אויף זיינע טריט זי וואַרט.
די היים=ברוינע אויגן קוועלן.
אויף א דין=זיידענער שנור
ציטערן און רייצן די רויטע קרעלן.
איר קליין געטאָקטע פיגור
פארשווינדט צווישן די קילע שאָטנס
פון די הויכע פעלדזנוועגט,
ווו אין זיסער גלוסט
זי צאַפּלט אין איר געליבטנס הענט.

סוזי בארטס אויגן אין טיפֿן ברוין
קוקן מיט יונג־ליכטיקן מיידלשן געשטוין
אויף דעם צוואנציק־יאָריקן סטודענט
סיימאָן שעק, וואָס קלאָגט זיך,
אז די בענקשאפֿט זעגט אין טרויער
זיינע יונגע, גארנדיקע טעג.

שיין איז די קליינע סוזי בארט.
און שטענדיק נאָר אויף אים זיווארט.
ווינטער שפּאצירן די פֿארליבטע צוויי,
ווען די זון פֿון איר גאָלדענעם בעכער
גיסט איר היים ליכט אויפֿן שניי.
סוזיס פֿריילעך קול קלינגט אין טאָל.
דעם הויכן, בלאָנדן סיימאָנס אויגן
בלויען אין העלער שיין.
די ליבע, וואָס האלט זיך אין בויען
פֿארטרייבט פֿון זיין טרויעריק הארץ די פּיין.

סיימאָן גלייך אין געבוי,
מיט אויגן — בעכערלעך
פֿול מיט בלוי.
זיין בליק ברענט,
ווען סוזי ליגט פֿארקלעמט
אין זיינע ציטערדיקע הענט.
אירע ברוינע אויגן אין הייסן זשאַר
אנטפּלעקן בענקענדיקע נעכט
פֿול מיט געגאַר.
איר קאָפּ מיט די שווארצע,
קורץ־געשאָרענע האָר
אויף זיין אקסל אָנגעשפּארט.
אין זיינע אָרעמס גליען
אלע אירע יונגע, טרוימערישע יאָר.
ביים פֿראָסטיק, פֿארזילבערטן קוסט
דער ברי פֿון אירע קליינע, קיילעכדיקע בריסט.

גיסט אין זיין לייב דעם פלאַם פון גלוסט.
סיימאָן שעפּטשעט:
סוזי, מיר יונג אין יאָר,
וועלן זיין דאָס גליקלעכסטע פּאָר.
מיר וועלן אין גיכן פון דאנען ארויס
און קיינער וועט נישט שטערן
פון אונדזער ליבע דעם הייליקן ברויז.
איך וועל ענדיקן אויף דאָקטער מעדיצין
און יעדן זומער וועלן מיר פאָרן אין די בערג,
ווו די גראָזן זענען הויך און גרין.

סוזי פרייט זיך און לאַכט:
דער דאָקטער זאָגט די ווונד
אין דיין לונג איז שוין פארמאַכט.
איז לאָמיר שליסן א בונד:
אין פרייד, אין פּיין —
שטענדיק זאָל די ליבע
אין אונדזער הויז זיין.

די ליבע איז א פלאַם,
זי פארברענט יעדן צאַם.
די צוויי שפּאַצירן זיך
אזוי אין טאָל
און א שניי־שטורעם
ברעכט אוים מיטאמאָל...

אין „וואָרד" שפּעטן רכילותדיקע צונגען.
אָבער ביי סיימאָן און סוזין זיצט
דער ווייטיק טיף אין די לונגען.
זיי ליגן אין די בעטן
און טרייסלען זיך פון היץ.
דער דאָקטער רעדט מיט כעס:
עס איז נישט קיין שפּאַס,
קיין קינדער־שפּיל,

לויפֿן אין שניי־געבריל.
איר זענט אַ פּאָר, וואָס
איר קושט זיך אפילו
אין דער שטענדיקער טיף פֿון קאָרידאָר.
איר זענט פֿארליבטע פֿון הייסן סאָרט.
אזא פּאָרל ווי איר מיינט, אז ליבע
איז געקאָכט וואסער אין אַ קופּערדיקער קוואָרט.
וואָר, איר זענט נישט שטארק קראנק.
איר וועט ארויס פֿונדאנען,
האָט איר פֿאר זיך
פֿיל יאָר יונג, און לאנג.
אין שניי־געבריל
איז זיך גרינג
צו טאָן אַ פֿארקיל.
אין אַ פּאָר טעג
וועט דער וויטיק אַוועק,
אָבער איר וועט זיך מער נישט
טאָרן נאָכגעבן אייער בענקשאַפֿטן און פֿארלאנגען.
וואָרעם איר קענט ווידער
פֿון דער קראנקהייט ווערן געפֿאנגען.
עס איז אַ פֿראגע פֿון מעדיצין.
צוליב אייער געזונט מוזט
איר היטן די דיסציפּלין.
איר ליגט איצט אין בעט,
איז די גאנצע זאך באקלערט
איידער עס ווערט נישט שפּעט.
סיווי טרעפֿן זיך אַ גאנצן חודש
איז אייך פֿארווערט.
סוזי שטימט איין, אז עס איז גלייכער דאָ צו היטן
דעם דאָקטערס פֿאַרבאָט,
איידער שפּעטער צו זיין קראנק אין שטאָט.

סיימאָנס עלטערן כאָטש נאָך גרין,
ווילן אז זייער זון

זאָל שטודירן מעדיצין.
דאָקטער, זיינע עלטערן ווייסן וויל,
אַז איך בין נישט פארשייט און ווילד.
עס איז בלויז וואָס אין מיין האַרץ
די פרייד פון ליבע שפּילט.
סיימאָן איז דאָך שיין, ווי א געמאָלן בילד.
ער האָט נישט ליב מיך צו זען אין אומעט פארהילט.
איז דאָקטער, פּליס, זעט, אַז סיימאָן
זאָל ווערן א גוטער עסער,
וועט אים גיכער ווערן בעסער.
מיר ווילן ווערן געזונט.
מיט דער ליבע אויפן גאַנצן לעבן
שליסן מיר א הייליקן בונד.
מיר נעמען אָן די שטראָף.
מיר נייטיקן זיך טאַקע
מער אין רו, אין שלאָף.

דאָקטער מאַכלין שמייכלט:
סוזי האָסט א פילנדיק האַרץ
און א ליכטיקן שכל.
דיין סיימאָן איז פעיק און פלייסיק.
אויסצושטודירן אויף דאָקטער,
ס'וועט נישט זיין ביי אים
קיין שווער עסק.

דאָקטער מאַכלין גיט סוזיס האָר א גלעט
און גוטמוטיק צו מיס אַלמאַן ער רעדט:
עס איז קלאָר
סוזי איז א ליב קינד,
וואָס וועט שוין מער נישט לויפן
אין דרויסן, אין שטורעם-ווינט.

נאָך אָט דעם פאַל
רעדן די פארליבטע צוויי

אין פארבענקטע בריוועלעך, וואָס
טריפן מיט דער ליבע, מיט איר זיסן ווײ.
זײַן קושן זיך אויף בײַגעלעך פּאַפּיר,
ווײַס ווי שנײ.
די שטילקײַט שלינגט זײ אײַן
און פאַרטרײַבט פון בענקעניש
די נאָגנדיקע פּײַן.

מיקי גאָלדבערג

זונטיק קומען די „וויזיטערס“ פון שטאָט
און איטלעך איינער ברענגט מיט זיך
פון משפחה און שכנים — א סוד.

קרובים זיצן ביים בעט
און שטיל־פארטרויט רק מ׳רעדט.
לויז די דיסציפלין.
און אז וועלוול וויל שרייבן,
איז דאָס שולעכל זיין איינציקער אַנטרין.

צו מיקי גאָלדבערג קומט נישט קיינער,
זיצט ער א שוויינגדיקער אין שולעכל
און קוקט צום הימל, וואָס
הויערט איבער די פעלדזנשטיינער.

זיין לענגלעך דאַר פנים
פון אַנגסט צעהיצט
מיניעט זיך און שוויצט.
אויף זיין רעכטער באַק,
אין סאמער מיט,
קארבט זיך און גליט
א מעסער־שניט.

ער זיצט פארטרויערט און שטום
און עס עקבערט אים דער געדאנק,
פארוואָס ער אליין האָט קרום
געמאכט פון לעבן זיין גאַנג.

אויף זיין ברייטן שטערן
זיצן שוויים־טראָפּנס.
ער טראַכט פון די לאַנגע נעכט,
וואָס ברענען אין טרויער
ביי זיין צוקאָפּנס.

אין זיינע אויגן פול מיט פּיין
פינקלט פון פיבער
דער פלאַמיקער שיין.
ער רעדט נישט צו קיינעם
בלויז דעם דאָקטער זאָגט ער:
אז זיין הארץ ווערט געפּייניקט
פארן פירן א לעבן אָן אומריינעם.

אין איינעם א זונטיק,
דער דרויסן ווייס און ווינטיק.
אין שולעכל מיטן קאָפּ צום פענצטער אויסגעדרייט
זיצט מיקי און שליידערט זיינע טרויעריקע רייד:
זאָל דער טויט מיך פרי דערשלאָגן.
קיינער דארף נאָך מיר סיי ווי נישט קלאָגן.
מיט מיין הארץ פול מיט טרערן
איך קאָן צו גאָט זיך נישט קערן.

וואָרעם דאָס פארברעך ברענט מיין גאַנג.
און תפילהדיק געזאַנג הארציק און שיין
קאָן מיין זינדיק לעבן נישט מאכן ריין.
איך בין א פארברעכער.
דעריבער מעגן מיינע לונגען
זיין דורכגעלעכערט.
איך קום פון א פרום הויז.
און פון יינגלווייז טראָג איך
אין זיך פון זינדיק בלוט
דעם בייזן ברויז.
מיין טאַטע וועקט מיך צום לערנען

אין די פאַרטאָגן.
און מיך ציט צו די גרענעץ־שמוגלער און גנבים,
וואָס שפּאַנען אויס אין מיטן וועג
די פערד פון וואָגן.
מיר ווילט זיך שפּילן
פון אַ ווילן יונג די גראַנדע,
ביז איך ווער אַ פירער
פון אַ שמוגלער־באַנדע.
די וואַך אונטערגעקויפט און אָנגעזויפט,
ז'זעט נישט, הערט נישט, ווען אַן עולם יידן
אַן פּאַספּאָרטן דורכן פינצטערן וואַלד לויפט.
נאָר איינמאָל געשעט אינמיטן נאַכט
בייט זיך פּלוצים די וואַך.
אַ סאָלדאַט דערהערט מ'גייט
און ער שרייט: שטייט!
אין גאַנצן וואַלד יאָמערט
פון שרעק דאָס געוואַלד.
קוילן פליען.
עס ברעכן זיך די קניען.
בלוט און בלאָטע אויסגעמישט.
אין איין מינוט ווערן
צענדליקער לעבנס אָפּגעווישט.
און מיר די פירער,
מיט ביר און בראָנפן אָנגעזויפן,
לאָזן איבער די יאָמערדיקע יידן
און אַנטלויפן.

איך רעד איצט נישט פון פיבער.
ווען איך ווער דעמאָלט נישט דערשראָקן
און לאָז זיי נישט איבער, ראַטעווען זיך
אַלע אין נאָענטן דאָרף,
אין די גריבער פון טאָרף.
פון דעמאָלט אָן בין איך
פון פיינען צעפליקט.

און די וועלט איז פאַר מיר
א שטעכיקע בריק.
מיין פנים פיבערדיק און געל.
מיין קאָפּ פאַרבט זיך גרוי.
איך קאָן יעדע מינוט
א פאַל טאָן אויף דער שוועל,
און נאָך מיר וועט נישט וויינען
קיין קרוב, קיין קינד, קיין פרוי.

איך האָב נישט קיין רעכט
זיך צו קלאָגן,
כאָטש דער דאָקטער
האַלט מיר אין איין זאָגן:
מיקי מאַכסט דיין אייגן לעבן קורץ,
וואָרעם וועסט נישט איבערטראָגן
קיין צווייטן בלוט־שטורץ.

און איך וויל עס זאָל
שוין גיכער געשען:
אז אין זוניקן ברען פון באַגין,
זאָל איך אין פיבער פאַרלירן דעם זין.

וועלוול פון מיקים ודוי געפּלעפט,
טרייסט אים: וואָס געווען, די צייט פאַרדעקט.
און אז אלצדינג טרעפט מיט מענטשן,
ווען ער איז אין שרעק.
סיי ווי די יידן וועלן שוין
לעבעדיק נישט ווערן.
איז ווען וועט איר העלפן,
אז אויך אייער לעבן
איר וועט צעשטערן.
ווי יעדער פּאַציענט
צווישן די סאַנאַטאָריע־ווענט,
דאַרפט איר רק קלערן
גיך געזונט צו ווערן.

און מיט א הארץ דורך פיינען רייז,
אויף די וועגן גערעכט און גוט,
ועט איר שוין שטענדיק גיין,

וועלוולען שרעקן מיקים געלע באקן
מיט די רויטע פלעקן.
מיקי קירעוועט די אָנגעטרערטע אויגן
צו די פעלדזענע ווענט, ווו די זון
בלענדט מיט איר גאָלדענעם בויגן.
זיין קול ציטערט אין ברענענדיקן ווייטיק:
מיר איז שוין דאָס לעבן מער נישט נייטיק.

א גליענדיק קלייד איז פאר מיקין
דאָס אייגענע לייב.
אין זונטיקדיקן טאָג פון זון און שניי
די טרייסט פארטרייבט נישט
פון הארץ דעם שארפן וויי.

מיקים פנים ווערט פלוצעם
א רויט פיבערדיקער בלאַט.
וועלוול פירט אים צום בעט
און מים אַלמאַן ציט פון אים
אראָפּ דעם ברייטן, בלויען כאַלאַט.
די לאנגע נאָדל בויערט זיך איין
אין זיין געביין
און פארהאמעוועט דעם קוואל פון געוויין.
מים אַלמאַן ביי זיין צוקאָפּנס
ווישט פון זיין קליין, קנאָכיק פנים
די שוויים־טראָפּנס.
מיקי טרייסט זיך אין שלאָף,
און טראָגט אויך אין חלום
פון זינד די האַרבע שטראָף.

— — — — — — — — — — — — —

זונטיקדיקער ווינטער־טאָג קאלט און קליין,
קלעטערט אויף אייזיק־זילבערנעם פעלדזנשטיין.

צוטרוי

זונטיק אין פארנאכטיקן בלוי
זאָגט דאָקטער מאכלין צו וועלוולען אזוי:
איך בין צופרידן מיט דעם היינטיקן מעדיצינישן אונטערזוך.
פּאָעט, מעגסט שוין אָנטאָן דעם בעסטן אנצוג, דעם שענסטן שוך.
דארפסט שוין ביסלעכווייז, אויפסניי, אין אקטיוון לעבן
זיך אָנהייבן איינשליסן.
קענסט האָבן זיבן טעג פריי אין דאָרף, צי אין שטאָט,
און געניסן דאָרטן פון דער פרייליכקייט
צווישן מויערן און סלופּעס פארצויגן מיט דראָט.
ביי דער לבנה וואָס זילבערט אויפן שטילן שליאַך,
זע, אז די ליבע זאָל דיך נישט מאכן שוואך...
היות איך האָב צו מיס אַלמאַן צוטרוי,
אז זי וועט דיך לייגן שלאָפן מיטן אָוונט־בלוי,
דעריבער וועל איך איר דערלויבן צו האָבן אָפּרו
מיט דיר אין איין שטוב, ווו פון א באזונדערער שיסל
וועט איר דערוויל מוזן עסן די פעטע, פארמערישע
קאַרטאָפל־זופּ.

דאָקטער מאַכלין שמייכלט צופרידן:
מענטשן אין ליבע זענען פארשידן.
און דו, פּאָעט, זיי נישט איילן,
היט דאָס געזונט און האלט
די ליבע הויך און הייליק.

אין צימער שווימט די בלויע שיין.
ווייסע שטילקייט שלינגט
דעם טאָל איין.

צו מסיו שאַוועליעס שטוב

דער ווינט לעקט דאָס פּנים
אין פּראָסטיקן גלי.
דער שליטן אויפן וואַלדיקן וועג
לויפט אין מאָרגנפרי
צו א שטוב, וואָס שמעקט
מיט פולע טעלער קאַרטאָפל־זופּ.

ביימלעך פארצויגן מיט שניי,
ווי מיט ווייסן בעז.
די זון רויט און יונג
לעקט מיט איר גאָלדענעם צונג
פון שניי דעם ווייסן קעז.

קראָען קראַקען אויף פּלויט און שליאַך.
און די ליפּן שעפּטשען פון ליבע די שפּראַך.

מאָרגנפרי.
די גלוסט אין האַרץ ברייט.

הימלען קלאָרן איבער ווייסע בערג
טיף אין שניי איינגעפראָרן.
דער שליטן יאָגט זיך
אויף דער גלאַטער פלאַך,
און פארציט גלאַנצנדיקע שניטן
אויפן שנייאיקן שליאַך.

אין שליטן, אין זיסן ווײַ
טוליען זיך פֿאַרליבטע צוויי.
דער שניי — א ווײַס שטיק קעז.
כאַטש שטעק אַרײַן
די הונגעריקע ציין און עס.

פֿאַרן שליטן עפּנט זיך
דער הילצערנער טויער.
דער גרויסער מסיו שאַוועליע
ביי דער שטוב דער שטייניק=גרויער
שטייט און דערט און קוועלט:
געהויבענע ׳געסט פֿון אלטן שיינעם שטאַם,
טרעט אריבער מײַן היימישע שוועל.
דאָס האַרץ גאַרט מסתם
נאָך א טעפּל שמעקעדיקע קאַווע.
נאָך א גלאָז זיס=הייסע טיי.
מײַן ווײַב איז א זשוואַווע
און עס וואַרט שוין אין טעלער
דאָס פֿריש געפּרעגלטע איי.
א שיסעלע סמעטענע, פּוטער און קעז.
מענטש, עפֿן דאָס מויל און עס.

מסיו שאַוועליע רעדט און קוועלט:
זון. און דער שניי ווײַס ווי מעל.
פֿאַר אזא פֿרימאָרגן דאַרף מען
דעם ליבן גאָט לויבן.
אין די צימערן ברייט און העל
שימערן איצט אַלע שויבן.
מײַן זשאַנעט זשאַלעוועט
נישט קיין האָלץ און קיין קויל.
דאָ וועט אײַך זיין
וואַרעם און וווּל.
מים אלמאַן וועט שלאָפֿן
אין פֿאָדערשטן צימער, אויפֿן גאָרן,

וועט זי אין פרימאָרגן די ערשטע זען
דעם הימל דעם קלאָרן.

אין קיך דער טיש
פול מיט זעט:
פוטער, טאָמאַטן, געקאָכטע קרויט.
וואַרעם, היימיש איטלעך וואָרט,
עס פארשמעקט דער ריח
פון פריש־געבאַקטן טאָרט.
די געוואָלענע מילך זיסט
אין דער ווייסער, פולער קוואָרט.

מאַדאַם שאַוועליע א ליבע, לוסטיקע פרוי,
לויכט און לאכט און אירע מילדע,
ווייך־העלע, וואַרעמע אויגן
וואַשן זיך אין דער פרייד פון טרערן־טוי.
זי טענצלט אין די לעדערנע פאַנטאָפל
און ווארפט אין קאָכעדיקן טאָפּ
פריש־אָפּגעשיילטע קאַרטאָפל.

מאַדאַם שאַוועליע, וואָס רייצט
מיט איר שלאַנקן געבוי,
טרייסלט אירע לאַנגע, שווארצע האָר
געשפּרענקלט אין גרוי.
איר פּנים טונקל־פולבלעך און פריידיק־צעהעלט,
און גוטמוטיק איר מאַן זי באַפעלט:
זשאַן, פריער די וועש צעהענג.
דערנאָך ברענג קוילן א פולן זאַק,
וועט די זופּ זיין הייס און געשמאַק.
און זיי, ליבער, אזוי גוט, און וואַרף א בליק
צום קינד, וואָס שלאָפט אין וויג.
און איר, טייערע געסט,
טרינקט און עסט.
קומענדיקן האַרבסט, ווען

מען וועט קארטאָפל גראָבן,
זאָלט איר חתונה האָבן.
זאָלן אלע קומען צו זשאַקן אויפן פאַרם,
וועט מען טאנצן א סך און פריילעך,
און אויפן הארץ וועט זיין ליכטיק אוןווארעם.

מסיו שאַוועליע לאכט
מיט זיינע ברוינע־ברענענדיקע אויגן:
דעמאָלט איז דאָס הארץ
מיט זיסן אומעט אָנגעזויגן.
די הייסע קאַרטאָפל פאַרען
דעמאָלט אין טאָפּ.
איז היימלעך די שטוב,
און לוסטיק מאכט דער וויין,
וואָס מען גיסט ביי א שמחה
אין מויל אריין.

און איך וועל קומען
מיט מיין שיינער מאַדאַם
און מיטברענגען א מתנה
א טאָפּ און אַ פאַן.

מאַדאַם שאַוועליע שמייכלט און גיט צו:
און א ניי־געבוירן קינד ווו לייגט מען עס, ווו?
טאטע־מאמעס חתונה־בילד הענגט אויף דער וואנט
אין א קיילעכדיקער, גאָלדענער ראַם.
און די ליבע האָרעוועט אין דער וויג
די פרייד פון יונגן שטאַם.

וועלוול און מים אַלמאַן לאכן:
צו אונדזער חתונה וועלן מיר פארבעטן
אלע פארמער פון ארום
די וואלדיקע שליאַכן.
אין א נאכט שטערנדיק, העל

װעט דער עולם איבערטרעטן
זשאַקס הײמישע שװעל.

דער באַרג בלענדט
אין זון־גאָלדענעם פּרימאָרגן־קלײד.
יונג און גרינג זינגט
אין האַרץ די פרײד.

גלוסט און טרוים

נאכט. דער טייך מיט אייז פארגלאָזט.
אין ווייס פון שניי שמידט דער פראָסט
פון הירש די געשליפענע טריט.

וועלוול אין זיין צימער אָפּגעשלאָסן
ליגט מיט גלוסט אָנגעגאָסן.

וועלוול טראכט:
אין דאָרף, אין א שטיבל ביים שליאַך,
די ליבע וויינט, די ליבע לאַכט,
די ליבע האָט איר אייגענע שפּראַך.

מים אלמאן פארשווינדט,
ווי נאָר אויפן שניי טיף און געדיכט
צינדט לבנה איר טרויעריק ליכט
די פירט זיך מיט אים, ווי מיט א פּאציענט.
קיקט ער אויפן בארג אין שנייען צעבלענדט
און ער קלערט פון דער ליבע, וואָס
אין איר ער ווערט געלייטערט
אויף דער היגער ערד.

ער איז וואַך, און וואַך
זענען די שטערנדיקע רוימען,
וואָס שווימען אין גרויען רויך
פון ציגלענעם קוימען.
ער איז וואך און קאָן נישט שלאָפן,

בינדט ער שטילע, גארנדיקע סטראָפּן.
און אין זיין לויטער גלוסט־געזאנג
ציטערט פון בענקשאַפט
דער ריינסטער קלאנג.

נאכט. ביי שטיבלעך וויים און היימלעך
טרייסלען זיך אין ווינט די פארשנייטעביימלעך.
צווישן פּלויטן פון ברעטער און דראָט
גליט אויפן שניי פון הירש
דער דין־געשליפענער טראָט.

ליב און גוט

פרימאָרגן. ביימער מיט זון אָנגעזויפּן
פינקלען מיט די אייזיקע שרויפן.
צווישן ווייסע בערג וואָס שטומען און שטאַרן,
וועלוול און מים אַלמאַן גייען און גאָרן.

דער וועג אין שטילער ווייסקייט רוט.
און די ווערטער זענען ליב און גוט.
האנט אין האנט פארקלעמט.
און ליבלעך מים אַלמאַן וואָרנט:
אפילו אין דער וועלט פון ווייסן טרוים
פיר זיך ווי א פּאַציענט
און די גארונג צוים.
זומער, האָף איך, וועט מען דיך
פון סאַנאַטאָריע אויסשרייבן,
וועסטו זיך אין זשאַקס
וואַלד־שטיבל ארײַנקלייבן.
אין די לבנה־נעכט
וועלן מיר זיך אין די שאָטנס באהאַלטן,
ביי די וואַסערן, וואָס לויפן
פון די פעלדזענע שפּאַלטן.

פרי אין הארבסט וועט אונדזער זיכערער טראָט
אונדז צוריקפירן צו דער היימישער שטאָט.
און אָט אזוי שיין און קלאָר
איך שטעל זיך אונדזער לעבן פאָר:
אין אונדזער צימער רוט די ליבע, וואָס

בענקט און לייטערט זיך אין גלוסטיקן בלוט.
נאָכן טאָג פון שווערער מי
זיצן מיר אין אָוונט-גלי
ארום א טיש געגרייט
מיט ליכטיקער פרייד.

שטיבלעך ביים וואלדיקן ראנד
זיצן ביז די שויבן אין שנייאיקן זאַמד,
דער קוש אויף די ליפּן זיסט.
אין זון-גאָלדענעם פרימאָרגן-ליכט
א פויער אויף א שליטן באגריסט
און שמייכלט מיט א פראָסטיק-רויט געזיכט.
באַרג-אראָפּ דאָס פערד פליט
און זיינע געשמידטע טריט
בליצן און ברעכן
די אייזיקע, זילבערנע בלעכן.
דער קוש אויף די ליפּן זיסט.
וועלוול א צעשטראלטער זאָגט:
אין דער שטילער, ווייסער וויסט
פון שימערדיקן שניי
שאַרפער די גארונג אין הארצן גליט,
און די זון ווארפט איר גין-גאָלדענעם שיין
פאר די טריט פון פארליבטע צוויי,
וואָס וועלן תמיד לויטער זיין.

וועלוול און מים אלמאן גייען
דעם טאָל אריבער,
דאָס ווייסע הויז אויפן בארג העלט.
זון אויף שנייאיקן זילבער
ברענט אין אָפענעם פעלד.

צוריק אין סאנאטאריום

געוויטער

דער שניי ברילט
ווייס און ווילד.

דער ווינט שרייט אין גרויל
און יאָגט זיך נאָכן וואָלף,
וואָס טראָגט א שעפעלע אין מויל.

דאָס אייז גליטשט זיך און קראַכט.
ביימער ברעכן זיך
און פאַלן אויפן וואַלדיקן שליאַך.

דאָס ווייסע הויז
שווימט אין רויך פון שניי.
פאַרמער-שטיבלעך טרייסלען זיך
אין ווינטיקן געשריי.

מיט אירע שטילע טריט
דעם לאַנגן „וואָרד" מיט אַלמאַן היט.
אין גרוי פון נאַכטיקן נעפּל
בליצט איר עלעקטריש לעמפּל.
העלער שיין רואיקט איין.

עס שאָטענען די ווענט.
עס בלענדט די שויבנטיר
מיט די דינע בלעכן

פון זילבערנ̇עם געפריר.
און די נאכט ווייס און בלינד
וויינט אין ווייסן געשריי
פון שטורעם־ווינט.

אַ בריוו פון אַ רעציטאַטאָר

די פּאָסט ברענגט וועלוולען
אַ בריוו און א פּליטע
מיט צוויי פון זיינע לידער
וועגן בענקשאַפטן צעגליטע.

פון די ווערטער אין בריוו
די פרייד אין האַרצן טריפט:
„מיין ליבער דיכטער,
זאָל דער עולם זיין דער ריכטער,
ווי מיין קול קלינגט, ווען
אייערע לידער איך לייען און זינג.
אייערע לידער וועגן א מאָרגן
אָן מלחמה, אָן שחיטה
זענען טרוימען פריידיק-צעשפּילטע.

איר מיט אייערע לידער
און איך מיט מיין קול
צו אונדזערע ברידער אין אָרעמען טאָל
ברענגען גלויבן און גליק
אין מאָרגנדיקן זיג.
איך באַגריס זיך אָפּט
פון דער בינע מיט אייערע זאַכן.
מיט מיין קליינעם טשעק קויפט זיך משקה,
וואָס וועט אייער האַרץ זיכער לוסטיקער מאכן.
זייט געזונט.

לאַנג לעבן זאָל פון אונדזער שאפן
דער בונד.

אייער י. ראַסין.״

צו מיס אַלמאַן, וואָס צום „וואָרד״ שפּאַנט,
וועלוול לויפט מיט דער פּליטע אין האַנט.
ער פאַרגעסט, אז ער ברעכט די דיסציפּלין,
ווען ער שטעלט אָפּ מיס אַלמאַן, ווען זי טראָגט
א פולע טאַץ מיט מעדיצין.
מיס אַלמאַן אין פריידיקן איפּבראָיז
לאָזט די טאַץ פון האַנט ארויס.

פּילן פון פארשידענעם קאָליר און סאָרט
קייקלען זיך איבער גאַנצן „וואָרד״.
מיסיס גלין פאַלט אריין מיט א געשריי:
מיס אַלמאַן, די הענט טוען אייך וויי?
וואָס איז דאָס פאַר א שפּיל
צו ווארפן די פּילן אויפן דיל?

מיסטער ברין קומט אָן אומגעריכט,
ער שמייכלט און פרעגט:
געוויס א שמחה מיט א ניי געדיכט,
וואָס געפינט אין ליבע איר אייגענעם וועג?
איך דער מענעדזשער גלייך דערשפּיר,
ווען עפּעס אויסטערלישס פּאַסירט.

מיס אלמאַן ווייזט אים דעם בריוו און די פּליטע
און פון איר מויל פליען
ווערטער פריידיק־צעשפּילטע.
עס איז א טרוים, וואָס
איך גלויב זיך קוים.
וועלוולס לידער אין בענקשאפטן אויפגעבליטע
זינגען פון דער פּליטע.

מיסטער ברין קוקט אויף וועלוולען אין הערשטוין
און זאָגט: דאָס איז פאַרן פּאָעט דער גרעסטער לוין.
און פאַרן מזל, וואָס איז אזוי ווייל,
דאַרף מען נעמען א ביסל בראָנפן אין מויל.
און איר, מיסיס גלין, האָט אין זינען,
אז שוין צייט, איר זאָלט מיט אַלמאַן
אַ קאַפּעלע פרייד פאַרגינען.
זאָל דאָס שרייבערישע בלוט
פריידיק א ברויז־טאָן א פּאָר מינוט.
לאָמיר פון בראָנפן כאַפּן א טרונק
און לעבעדיק מאַכן די פאַרשלאָפענע צונג.
מיט אַלמאַן טיילט אין וואָרד די מעדיצין
און זי דערציילט, אז לידער אויף א פּליטע
זענען פאַר אַ פּאָעט דאָס גרעסטע פרייד־געשאַנק.
און צוליב די ווערטער אין מעלאָדיען צעשפּילטע
אויף לעקעך און בראָנפן־געטראַנק
קומט באַלד אין אפיס צו מיסטער ברין,
אפילו די „,העד נוירס“ מיסיס גלין.

אַנהייב פרילינג

דאָס וואסער אין וואלד,
רוישט צווישן שטיינער און שאַלט.

וועלוול ציט נאָך די הירשן-טריט,
וואָס פייכטיקן אויפן ברוינעם מאָך.

ער גייט און מורמלט אין פרייד
דאָקטער מאַכלינס נעכטיקע רייד:
„פּאָעט, איך שרייב אין ראַפּאָרט,
אין א פּאָר מאָנאַטן ארום,
וועט די שטאָט ווידער זיין
דיין ווינאָרט.
דערווייל טרינק מילך, זשאַלעווע זיך נישט
קיין פרוכט, קיין איי.
דארפסט נישט מער קיין שום עקסטרע באהאנדלונג,
בלויז איינמאָל אין יאָר נעמען אן עקסרעי".

זון-שיין. דער וואלד אין זיין שטילקייט
שלינגט אים איין.
פון דיביימער די אייזיקע רערן
טריפן זילבערנע טרערן.
דער וואלד אין ליכטיקן פרימאָרגן-געפריר
פירט אים צו זשאַקס בלויער טיר.

זשאַק אין האנט די זעג,
אויפן אַקסל די האַק,

שמייכלט און פרעגט:
וואָס טוסטו איצט אויפן וועג,
ווען אלע אין סאַנאַטאָריע שלאָפן
נאָך אזוי געשמאַק?
עס איז דאָך אזוי פרי,
מיין זשערמען מעלקט דאָך
ערשט די קי!

געוויס, מיס אלמאנס שיין־געשטאַלט
וועסט איצט נישט זוכן אין וואַלד.
שטיי נישט פון יענער זייט פלויט.
קום און דערקוויק זיך דאָס הארץ
מיט פרישן קעז און ווייס ברויט.
אויב דו ווילסט א פלעשל ביר,
קען איך דיר גליין ברענגען
פון מיין קעלער, פון אייז־געפריר.
ביסט דאָך אָבער זיכער הונגעריק
פון פריען, וויטן גאַנג,
איז גלייכער פון מילך
דאָס זיסע געטראנק.
געשמאַק איז קעז און ברויט
און א שיסעלע מיט געקאָכט קרויט.
זשאַק רעדט און לאַכט:
לאָז מיך נישט ווארטן לאנג.
אַצינד מיט אן אָפענער שפראך
זאָג מיר דיין פארלאַנג.
געדענק, מיס אלמאַן דארפסטו היטן,
ווי א בלום, און פון דיין געדאנק
פארטרייב אַלע מחשבות שלעכטע און קרום.

וועלוול שאָקלט מיטן קאָפּ
און גוטמוטיק ער ענטפערט אָפּ:
זשאַק, איך קום דיך בעטן
פאַר מיס אלמאַן און פאר מיר,

פאַרדינג אַ צימער
ביזן האַרבסט דעם שפּעטן.
מיר ווילן וווינען בײַ דיר אויפֿן גאָרן,
ביז די הײַ־פֿעלדער וועלן ווערן אָפּגעשאָרן.

דער שמײַכלדיקער זשאַק רעדט און לאַכט:
איצט פֿאַרשטיי איך דײַן שפּראַך.
באַוויליקט ווערט דײַן פֿאַרלאַנג.
נאָך דער חתונה קענט איר זיך גלײַך
צו מיר אַרײַנקלײַבן און ביזן
טיפֿן האַרבסט דאָ פֿאַרבלײַבן.

און זשאַק גיט צו:
דאָ אין וואַלד זאָל די ליבע
אין יונגן האַרץ געפֿינען רו.
פֿרייד זאָל זײַן אין אײַער געצעלט.
זומער וועט איר פֿון אָט דער באַנק
קאָנען זען ווי די זון אין פֿעלד
זיצט אויף דער גאָלדענער זאַנג.

וועלוול שפּאַנט צוריק
צום טײַך, וואָס שווימט
צו דער האָלצערנער בריק.
ער טרוימט פֿון נאָענט־קומענדיקע יאָר,
פֿון דער ליבע אָפֿן און קלאָר, וואָס
פּאָר יונגע הערצער געלײַטערט אין פּײַן
זי גרייט טעג פֿון זון און פֿרייד
און נעכט פֿול מיט שטערן־שײַן.
ווײַל פֿאַרליבטע צוויי,
אין דער בענקשאַפֿט ריין,
אין פֿרייד, אין וויי,
זענען קיינמאָל נישט אַליין.

אָנהייב פרילינג.
קלויסטער־גלאָק אין דערפל קלינגט.
פרימאָרגן־זון שפאלט
דאָס גלאנציקע אייז
אין צעלויכטענעם וואלד.

אין רויט פון מאָרגנאויפגאַנג

אין שולעבל,
אין רויט פון מאָרגנאויפגאנג,
ר׳שמואל ביי דער גאָלדיק־צעצונדענער שויב
נאָגט מיט אומעטיקן ניגון,
און פון די צעקנייטשטע תהילים־בלעטער
מורמלט ער צו גאָט זיין לויב.

פייערדיק־רויט
דער מאָרגנאויפגאנג אויפן פלוין.
וועלוול קוקט אויפן פלויט
און זיין בליק אין געשטוין
היט די טויב, וואָס
הויבט זיך אין פלאַטוערט
איבער דער בלויער, האָלצערנער בריק.

די שויב פלאקערט
אין רויט פון מאָרגנאויפגאנג.
און דאָס ווייטיקדיקע געזאנג פון ליד
בריט אין וועלוולס געמיט.

דער טאָל אין נעפל פון טויאיקן רויך.
וועלוול דערמאנט זיך אין שאולן שיין און הויך
און אין די פארסודעטע בלעטער פון תנ״ך,
וואָס דערציילן אין פארבענקטע ווערטער
אין א שטילער, אומעטיקער שפראך
וועגן אויפגיין פון קעניג־פויער,
וואָס זיין יונג הארץ ברענט אין טרויער.

ער דער ערשטער, ער אליין,
הערט פון יבש-גלעד
דאָס דערשראָקענע געוויין.
פאַרוים דער מתנה
ער גייט א גאנצע נאַכט
און אין מאָרגנאויפשיין ער צעשלאָגט
דעם שונא אין דער ערשער שלאַכט.

נאָכן ערשטן זיג,
דאָס פאָלק ווייסט,
אַז עס וועט הערן שאולס קול.
ער וועט פירן ישראל
קעגן די שונאים אין קריג,
מיט זיין מוט
וועט ער ארויסרייסן
פון העם פלשתי
די הערשער-רוט.
און דאָס פאָלק זאָגט:
טראָגט צו שאולן ליב,
ער דער ערשטער איבער
אונדזערע שונאים
זיך דערהויבט.
שאולן מלך פון ישראל
האָט גאָט אויסגעוויילט.
זיין מלוכה איז פעסט.
ישראל איז אין נויט.
אין לאנד די נעסט
פון זיכערקייט ער דער ערשטער,
ער אַליין בויט.
ער דער ערשטער מיט זיין קומען
מאכט גרויס דעם נאָמען פון גאָט,

ער מעקט אָפּ שרעק און שפּאָט.
נאָר אין שאולן,
אין דעם ערשטן קעניג־פייער,
ברענט אין הארץ דער טרויער.
שאול, דער ערשטער קעניג־העלד,
ראנגלט זיך אין אנגסט
איין־אליין אין זיין געצעלט.

עס אנטרינט פון אים דער מוט.
שארפער ברענט דער טרויער
אין זיין בלוט.
פון זיינע אויגן רינט א טרער.
ער ווייסט שמואלס הארץ
איז שוין לאנג פון אים אָפּגעקערט:
און אומגוט איז פאר אים
אלץ וואָס ער טוט.
דוד איז באַלאָדן מיט מוט,
אין זיין הארץ די פרייד רוט.
דוד א העלד א יונגער
איז פון גאָט אויסגעוויילט
צו זיין א תהילים־זינגער,
אויף דער האַרף טריפט
די טרייסט פון זיינע צאפּלדיקע פינגער.

שאול קומט פון דער גלית־שלאכט.
דוד ווערט געליבט און געאכט.
דוד איז דער געבענטשטער העלד, דער יונגער,
און ער שאול האָט נישט קיין תהילים־ליד,
וואָס זאָל דעם ווייטיק פון טרויער
מאַכן אין הארץ אים גרינגער.

אים דאַכט, אז ער שאול
איז דעם פאָלק דערווידער,

דוד איז באַליבט און אין גאַנץ ישראל
זינגט מען זיינע תהילים־לידער.

שאול זוכט דודס בלוט.
אין שאולן רינט אויס
דאָס ליכטיקע פייער פון מוט.
דער טאָג נישט גלייך, נישט גלאַט,
פינצטערט אין בלינדן חשד.
שאול לאָזט דודן נישט אַנטרינען,
ער לויערט אויף אים און מיט זיין פייל
ער וויל אים געפינען אויף וועגן ווייט
הונדערטער מייל.

און כאָטש די שנאה גליט אין אַלע זיינע גלידער,
בענקט ער נאָך דודס תהילים־לידער.
און דאָך ער וויל זען מיט די אייגענע אויגן,
ווי צו דודס האַרץ די פייל פליט
פון זיין אייגענעם, אָנגעצויגענעם בויגן.

דערווייל ווערט שטאַרק די פלשתים מאַכט.
טעג טראָגן פון שרעק די שלאַכט.

—

ער קומט פאַרשטעלט צו דער צויבערין,
צו איר כישוף־געצעלט.
די צויבערין אין אַ שוואַרצן שלייער,
אין אַ רויטן הוט, וואַרפט קרייטעכער
פון שוואַרץ־הייסן סם אין אירע דערשראָקענע אויגן
פאַרצויגן מיט הייטלעך בלוט
לויפן אין נעפּל־רויך אַרום
דעם דרייענדיקן פלאַם.

די צויבערין מאַכט פון בלויען פאַדעם אַ צאַם.
שמואל אויפגעטרייסלט אין דער רו פון טויט
באַווייזט זיך אין נעפּל־רויך

און דער צארן שלאָגט
פון זיין קול דראָענדיק, הויך:
שאול! קיין איינער פון דיין שטאַם
וועט דיין קעניג־שטול נישט ארבן
וועסט זיין די געשאָכטענע לאַם.
מאָרגן, וועסטו און דיינע זין
אויף די בערג־גלבוע שטארבן.
די מחנה פון ישראל
פון דער פלשתים שווערד
וועט ווערן פארצערט.
פון שונאס פייל און שפיז
וועט ישראלס חיל ווערן פארוויסט.
פון דעם פלשתי דעם פאַרדאָרבער
וועט איר אלע ווערן פארהאַרבן.
עס איז גאָטס משפט דער האַרבער,
אז דו, דער ערשטער געזאַלבטער,
זאָלסט זיין דער ערשטער קעניג־קרבן.

פרימאָרגן, שאול אין דער לעצטער שעה דער קליינער
זוכט שיצונג ביי דער וואנט פון בארגיקע שטיינער.

די פלשתים באוואָפנט פון קאָפ ביז די פיס
שליידערן פייל און שפיז.
פון שואלס וונדן טריפט דאָס בלוט.
ער ווייסט דער שונא וועט קומען
און וועט אין א שטייג אים פירן געבונדן.
ער וואַרפט זיך אויף זיין געשליפענער שווערד
און א פארגאָסענער אין בלוט ער פאַלט
אויף די שטיינער־שפיצן פון דער בארגיקער ערד.

די פלשתים אין נצחון־געשאַל,
אין פרייד געברום,
רינגלען דעם טויטן שאולן ארום.
זיי לאַכן זיי שפּאָטן:

היינט וועלן מיר די גאנצע מתנה
פון ישראל אויסראָטן.

דער מאָרגן בלוּיט.
שאול פארגליווערט, שטאר און שטום
ליגט אין בלוט אין קויט
און אויף זיין פּנים רוט
דאָס ליכט פון העלדן־טויט.

אין שולעכל אין רויט פון מאָרגנאויפגאנג,
ווערוול פארטרויט ר׳ שמואלן דעם תהילים־זאָגער,
אז ער באגערט כאָטש מיט איין טרויער־געזאנג
זיין פון קעניג שאולס באקלאָגער.

ר׳ שמואל זיפצט: דער בורא עולם. הממליך מלכים,
פארהוילן, אָבער געדעכט זענען שטענדיק זיינע דרכים.
שרייב שירים און אין גאָט גלויב.
פון לויטערן הארץ־קוואל
שעפּ די ווערטער און שאל צו גאָט
דיין תפילה און לויב.
די שויב פלאקערט אין פרימאָרגנדיקן רויט.
די טויב הייבט זיך און פלאטערט איבערן פלויט.
דער וואלד הוידעט זיך, דער וואלד איז שיכור
פון ריח פון זון און הארבן ווינט.
פייער־גאָלד פון זיינע ביימער רינט.

אין שולעכל תהילים־ניגון
ציטערט אין דער שטיל.
ר׳שמואל ווישט די פארטרערטע גלעזער
פון דער בריל.

די מומע איז קעגן שידוך

מים אַלמאַן לאָזט וועלוולען וויסן,
אז זי פאָרט אין שטאָט צוזאַמען
מיט איר מומען זייער תתונה־טאָג צו באשליסן.

די מומע ווי תמיד וועט וויינען און שרייען:
ביי דיין פאָעט וועסטו די ערד קייען.
דו, אזא שיינע אַזאַ פּארשוין:
איך האָב פאַר דיר א שידוך,
וואָס יענער וואָלט דיר אַפילו אָנגעטאָן
אויפן קאָפּ א גאָלדענע קרוין.
„אַ באָי" געלערנט, געזונט און פאַרמעגלעך.
וועסט לעבן אין „לאָקטשערי",
און האָבן „פלעזשער" טאָג־טעגלעך.
קענסט קריגן אַזאַ ווילן „באָי" פון דאָהי,
וואָס טויג דיר דער פּאָעט מיט די טי. בי.
זי וועט רעדן, זי וועט וויינען:
דיין גוטס טו איך מיינען.
איך וויל פון דיר פארמיידן די פיינען.
איך וויל, אז דיין מזל זאָל ליכטיק שיינען.
כאָטש איך ווייס, אז מיר זענען פאַרשידן,
מיינט עס נישט, אז איך מוז
מיט דיין תתן זיין צופרידן.
און איך וועל ענטפערן:
מומע, קיינער טאָר די ליבע נישט צוימען.
דעריבער, בעט איך דיך שאנעווען מיינע געפילן .

מיין חתן שפּינט ליכטיקע טרוימען,
פרייד ער געפינט אין דערהויבענע צילן.
מיין חתן איז רייך.
זיינע זענען אלע שטערן, וואָס
שווימען ביינאכט אין טייך.
מיין חתן זאָגסטו איז אָרעם, הויט און ביין.
נאָר איך וועל אים נישט פאַרבייטן
פאַר עפּעס א רייכן, פּוסטן יונג
געזונט, הויך און שיין.

וועלוול לאַכט:
איך ווייס דיין מומע איז דיר טאַקע געטריי.
נאָר דו קענסט נעבעך פון דער ליבע נישט ווערן פריי.
די ליבע איז פון פרייד דער זיג.
מיט אונדזער ליבע, מיט איר ליכט
וועלן מיר איבער נאַכטיקע וואסערן פאַרצווייגן
מיט פינצטערנייש שוואַרץ, געדיכט,
אויפהענגען פון זילבערנע שטערן — א בריק.

פאַרנאַכט. פאַרמער ביי די שוועלן
היידען זיך אויף וויג־שטולן,
ציען רויך פון ליולקעס און קוועלן.
ביים וואלד אין שאָטן־בלוי,
ליגן שטיינער מאָכיק, גרוי.

אין טאָל, אין רויך פון טוי שווימען טויבן.
וועלוול טראַכט: אויף אָט דעם שליאַך,
די ליבע שטראָמט אין האַרץ מיט איר גנאָד,
וואָס אין איר ליכט איך לייטער זיך
און ווער דערהויבן.
וועלוול קושט מים אלמאן, וואָס פאָרט אין שטאָט
און פירט צו איר מומען די פרייד
פון איר חתונה סוד.

דער באַנקעט

דער דאָקטער דערלויבט פאַר וועלוולען א באַנקעט.
ער זאָגט, אז אויך ער וועט קומען האלטן א רעדע
פאַרן חשובן פּאָעט, אָבער ווי תמיד
מוזן אַלע צען אזייגער זיין אין בעט.

דער טיש רייצט מיט זיסע טאָרטן,
זיט טעלער פרוכט פון אַלע סאָרטן,
שאָקאָלאַדן, פולע פלעשלעך קאָקאַ-קאָלאַ געטראַנק,
דאָס אַלץ פון דעם מענערדזשער מיסטער ברין
פאַרן אָפּשייד-באַנקעט א געשאַנק.

פון זיסן ווײַן בלויז א לעק,
און דער טרויער איז אָפּגעמעקט.
הארציק זינגט מיסיס פלאַם
היימישע לידער מעבר לים.
די מעלאָדיען ליב און שיין
וועקן די בענקשאַפטן צום שטעטל.
צו דער נעכטיקער היים.

דער מאָלער גאָרן פון זיין גיטאַר
שפּאַרט מיט אַ ליד פון ליבע,
וואָס ברענט ריין אין בענקענדיקן געמיט.

ר׳שמואל רעדט צוערשט:
מיר יידן דארפן זיין גלויביק און פרום.
גאָט באַשטראָפט פאַר מעשים שלעכטע און קרום.

מיר יידן דארפן נישט מורא האָבן פאר קיין מושל און פערשט,
ווייל תמיד און אומעטום הערשט גאָט
מיט גרויס רחמים און גנאָד.
גאָטס וועגן גערעכט און גלייך.
ער באשיצט זיין פאָלק, וואָס
גאפלט זיך אין די הענט פון געוועלטער
מעכטיק און רייך.
היטלער הרשע איז נישט אויף לאנגע יאָרן.
ווי אלע יידישע שונאים וועט ער איינגיכן
ווערן פארלאָרן.
מיר דאָ זענען א געליטענע עדה,
און איך גרייט זיך נישט האלטן
קיין לאנגע רעדע.
פון טיפן הארצן, איך וויל מיט מיינע ווערטער
איצט ווינטשן:
געזונט און גליקלעך לעבן
אויף היינט און יאָרן שפּעטער.
וועלוול אין וועמענס הארץ די שירה זינגט,
זאָל די פּרנסה אָנקומען גרינג.
א שטוב בויט מען מיט ברעטער און ציגל.
אין זיינע לידער זאָל ברענען פון צדק דער זיגל.
חותמו של הקדוש ברוך הוא אמת
מצות ומעשים טובים זענען
פארן מענטש דער איינציקער קרן־קימת.
־עריבער אין די רייד פון זיין ליד
זאָל מען פילן די פּיין און די פרייד
פון זיין א ייד.

שטייט אויף מיסטער בריק און רעדט:
א פּאָעט פרייט זיך, ווען די זון אין פרימאָרגן
גלעט פון פלויט דאָס ברעט.
איך וועל מיינע ווערטער צוימען
און איצטער נישט אנטפלעקן
וועלוולס באגערן און טרוימען.

אַוודאי פרייַ איך זיך, וואָס וועלוול דער פּאַציענט
פארלאָזט מאָרגן-פרי די סאַנאַטאָריע-ווענט.
אָבער איך בין מודה, און אָפן דאָ איך זאָג,
אין מיין הארץ דער ווי פון בענקשאַפט נאָגט.
איך ווינטש אים א טיפן עלטער.
איבער אים זאָל זיך ציען פון טרוים
דער הימל דער צעהעלטער.
און אין זיין היימיש, הארציק געזאנג
זאָל תמיד אין ליכטיקער ליבע
ציטערן דער לויטערער קלאנג.

מיט אלמאַן שעמעוודיק, פארפלאמט, זאָגט:
אויך איך וועל זיין געצאמט.
וואָרעם ארויסברענגען די ליבשאַפט,
וואָס דאָס הארץ טראָגט,
ווייסט דאָך איטלעך איינער וויל
קאָן נישט ארויסברענגען דאָס מויל.
צו וועלוולס ליד א לויב,
וואָס דעם אָרעמען מענטש
אין אים ער דערהויבט.
זיינע פערזן תמיד מאָנען,
אז מען זאָל פון די הענט
קיינמאָל נישט ארויסלאָזן
פון פרייהייט די פאָנען.
איז פון טיפן הארצן,
ווו די ליבשאפט, ווי
פון א ריינעם קוואל טוט פליסן,
איך טו איצט אים באַגריסן:
אז אויפן לאנגן לעבנס-וועג
זאָלן פאר אים זיין אָנגעגרייט
טעג מיט ליכטיקער פרייד.

עס ווערט שפעט.
דער דאָקטער וויל, אז פאציענטן
זאָלן גיין צו דער צייט אין בעט.

אין טאָל גייט דער ווינט
און טרייסלט די טויאיקע גרעזער.
לחיים! — קלינגען אין עס־זאַל
די פולע וויין־גלעזער.

וועלוול מיט אַ האַרץ מיט געפילן פול
הויבט זיך אויף פון זיין שטול
און זאָגט אזוי:
מענטשן דאַרפן זיך ראַנגלען
מיט אַ לעבן וואָכעדיק, גרוי.
אַ דאַנק פאַר די ברכות,
אַ דאַנק פאַרן ליב,
נאָר איך פאַרגעס קיינמאָל נישט,
אז די מענטשן פון אָרעמשאַפט
פון שווערער מי, זענען אויך
דאָהי געגליכן צו שטויב.
אין לעבן מוז קומען
אַ שטאַרקער איבערבוי.
מענטשן טאָרן מער נישט זיין
אויסגעדראָשענע בינטלעך שטרוי.
ביי מיר פוסט און הויל
זענען יענע לידער, וואָס
אין זייערע פערזן און קלאַנגען
הערן מיר נישט דאָס קעמפנדיקע קול
פאַר די אָרעמע ברידער איינגעקלעמט
אין דער נידער.
אָט די פאָעטן פליען אין פרימאָרגן,
אין גאָלדענע פורן
זיי הענגען אָן זייערע ווערטער
ווי פאַטשערקעס אויף שנורן.
זיי מיידן אוים פיין און נויט,
זיי אַרט נישט מענטשן מוטשען זיך אין אַלטע הייזער,
אָנגעטאָן אין טרויער אין קויט.

יאָ, איך זע נישט קיין אונטערשייד
צווישן ר׳שמואלס און מיס אַלמאַנס רייד.
יידישע לידער דארפן אומעטום נאָכגיין
די וואָגל-טריט פון אונדזערע ברידער.
דעריבער איך מאָן, נישט ארויסלאָזן
פון האנט די פרייהייט-פאָן.
וואָרעם אויך אין דער טיפער הויך
פון שטילע, בלויע רוימען
זיצן די זילבערנע שטערן
און פון אונדזער ערד זיי טרוימען.
און נאָך וויל איך זאָגן,
אייער צער פונדאַנען
איך וועל שטענדיק אין זיך טראָגן.
איך, דער מינדסטער יידישער פּאָעט,
פאר אייער געזונט און גליק ,
אין מיין ליד תמיד איך בעט.
איך זוך ווארעמע ווערטער
פאר א ליכטיק געזאנג.
איך האָף, אז מיינע רייד
זענען נישט געווען
אויסמאטערנדיק און לאנג.

וועלוול זעצט זיך צוריק.
פרייד ליכטיקט אין זיין בליק.

לחיים! — קלינגען די פולע וויין-גלעזער.
אין טאָל גייט דער ווינט
און טרייסלט די טויאיקע גרעזער.

אויפן שטילן שליאַך
הויערט די נאַכט.
לבנה טריפט איר ווייסן טרויער
אויף ביימער, וואָס זיצן
אויף די בערג-שפּיצן.

גזעגנט

אין רעגנצל קיילעכדיק, קליין,
ליגן בילדער, בריוו, זשורנאַלן
און אַ פּאָר העמדער פון דער אַלטער היים.

דער פרימאָרגן גאָלדיק, העל.
גלאָזמאַן, דאַר און געל
פירט וועלוולען ביזן ביימער-טויער
און זיפצט: איך בלייב דאָ איין-אליין
אין דער באַרג-וועלט דער גרויער.
טעג פון נעכטן וועלן גיך
פון דיין האַרץ ווערן פאַרמעקט,
ווי נאָר מיט אַלמאַן וועט פונדאַנען אוועק.
אין פריידיקן פלאַם וועסטו טרינקען
פון דער ליבע, פון איר זיסן סם.

וועלוול דריקט גלאָזמאַנס אויסגעצערטע האַנט
און זאָגט: אויך צו דיר
וועט נאָך גוט זיין דאָס דאָזיקע לאַנד.

וואלד און שטוב.
פון קיך שלאָגט דער ריח
פון הייסער, געשמאַקער זופּ.

זשאַק ציט ארויס
פון גאָרטן-טויער
די לאַנגע שטאַבע.

א געפֿלעקטע שלאַנג קריכט אין נאַסן גראָז
און לויערט אויף אַ זשאַבע.

מאַדאַם לעוועק, וואָס פירט
די קו פון פאשע־טאָל,
באַגריסט אים מיט איר מונטער קול:
געבענטשט זאָל זיין דיין קומען,
צום נעכטן קער זיך מער נישט צוריק.
מיט׳א האַרץ א פריידיק־פרומען
בעט גאָט גליק און גנאַד.

מאַדאַם לעוועק שפּאַנט
מיט איר פעסטן, קיילעכדיקן גוף
און דעם מאַן זי רופט:
זשאַק, גענוג געשאַרפט
האַק און זעג.
אין סאַד, ווייט פון וועג,
פאַרן גאַסט א שטול
שטעל אוועק.

מאַדאַם לעוועק מעלקט די קו
און אירע פריילעכע מעלאָדיען
קלינגען אין דער גרינער רו.

מיט איר פּנים רונדיק, רויט
זי שמייכלט צו וועלוולען, וואָס
זיצט צווישן בליענדיקן בעז
און עסט ברויט מיט ווייסן קעז.

פעדימלעך־רויך פליען פון קוימען.
וועלוול בינדט אין ווערטער
בענקשאַפט און טרוימען.

אין דער ליבע, אין איר העלן שיין
ברענט פון גלוסט דער פיין.

אין טאָל שייטלעך האָלץ שיכט אויף שיכט
טריקענען זיך אין זוניקן פרימאָרגן־ליכט.
אין וואלד,ביימער אין שאָטן פארשפינט,
טרייסלען זיך אין שטילן ווינט.

אין רבס צימער

דער שטאָלטיקער רב זיצט מיט וועלוועלען
אין זיין באזונדערן צימער
און זיינע אויגן שמייכלען אין שווארצן שימער.
ער קוקט אין א לאנגן פּאפּיר־בויגן.
און זיינע לאנגע, איידעלע פינגער
גליטשן זיך אין זיין קיילעכדיק,
גאָלדן־רויט בערדל מיט
זילבערנע האָר־פעדים דורכגעצויגן.
דער רב ציילט די ווערטער און זאָגט:
יונגערמאַן, זייט מיר מוחל וואָס איך פרעג,
נאָר איידער איך גיב חופּה וקדושין
וויל איך וויסן, וואָס רעכנט איר צו טאָן
נאָך די חתונה־טעג?
די כלהס מומע מיט שנאה קעגן אייך סמט.
בין איך שוין לויט מיין אמט מחויב גענויער
צו וויסן, וואָס איר טוט און פונוואנען איר שטאמט.
לאָמיך רעדן מיט אן אָפענער, קלאָרער שפּראך:
איך וויים נישט צי חתונה־האָבן איר מעגט,
ווען איר האָט נישט קיין פאך און קיין שום פארמעג.
איר מומע האָט מורא, אז ביי א מאן, וואָס
האָט אפילו נישט קיין אייגענעם צויט,
וועט די פרוי נאָך דער חתונה דארפן ארייננברענגען
אין שטוב דאָס שטיקעלע ברויט.

וועלוול ענטפערט: איך בין נישט באליידיקט,
וואָס איך קום צו דער חתונה אָרעם און ליידיק.

אמת, איך האָב אפילו נישט קיין
טויזנט דאָלאַר אין באנק,
און מיין כלה אויף איר שיינער האנט
טראָגט נישט קיין חתונה־געשאנק
א גאָלדן פינגערל מיט א ברילִיאַנט.
רבי, איך וועל רעדן־שטיל, געלאסן,
א חתן טאָר זיך דאָך נישט כעסן:
די מומע מיט דער שנאה אין איר מויל
ווייסט גאנץ וואויל, אז איך קאָן גוט מיין פאך,
אז מיר וועלן האָבן ברויט און א דאַך.
די מומע וויל נאָך אלץ פאר מיין כלה
שליסן א שידוך מיט עפּעס א פארמעגלעכן סעילסמאַן —
א גראָביאַן פון דאחי.
זי ווייסט נישט און וויל נישט וויסן פון:
„כל הנותן בתו לעם ארץ
כאילו כפתה לפני ארי“.

אויפן רבס פנים א צופרידענער שמייכל שפּילט:
איך האָב שוין פון אייך
און איר מומען דאָס גאנצע בילד.

דער רב ציט די דינע פעדים
פון זיין גאָלדיק־רויטלעך בערדל און זאָגט:
א מאַן האנדלט מען זיך נישט איין,
ווי אויפן מאַרק א פערדל.
עס איז טאַקע נישט גלייך,
אז מען נעמט א מאַן בלויז דערפאר,
וואָס ער איז רייך.
אז מען זאָגט אָן ליבע דעם „הרי את“,
גייט דאָס לעבן שוין נישט גלאַט.
נו, מירן טאקע גלייך די חופּה שטעלן.
און זאָלן מיינע ברכות
תמיד אויף אייער וועג העלן.

די חתונה

װעלװל זאָגט מיט א ציטערדיק קול:
„הרי את מקודשת לי בטבעת זו“,
און ער טראַכט פון זייער ערשטער באַגעגעניש
אויף דער אָפענער לאָנקע, װו די זון
מיט אירע גאָלדענע שטראַלן־שטריק
ציט די הערנער פון דער מרוקענדיקער קו.

װעלװל טוט דער כלה אָן דעם רינג
און דאָס האַרץ אין אים זינגט.

מען טרינקט לחיים און דער רב
אַ אויפגעלייגטער װינטשעװעט:
חתן־כלה, גאָט זאָל אייך מערן
כפל־כפלים און אייך שענקען
קװאַלן פון פריידיקע טרערן.

די מומע שטיל און פאַרקלערט אזױ
שאָקלט מיט איר קאָפּ ברוינלעכע האָר
דורכגעפאַרבט מיט גרױ.

די מומע א מיטליאָריקע, נידעריקע פרױ
מיט א פול־קײלעכדיק, שיין געזיכט.
אין אירע אויגן מיניעט זיך א היים ליכט.

רואיק, שטייף אין געשטאלט.
ייעלוול פילט טיף אין איר הארץ
דעם טרויער זי באַהאַלט.

חתן־כלה גייען צו איר צו
און קושן איר שטערן.
און דאָס הארץ עפנט
דעם קוואל פון טרערן.

דער רב זאָגט:
אָנגענומען ביי גאָט איז פון פרייד דאָס געוויין.
זאָל גאָט אייך בענטשן אויפן נייעם וועג
ווו איר טוט גיין.

חתן־כלה געזעגענען זיך מיטן רב
און מיט די קרובים.
די מומע וויינט און ווינטשעוועט:
מיר זאָלן אינאײינעם דערלעבן
צו א סך שמחות און יום־טובים.

זון־ פארגאנג. אין הארץ ציטערט
פון פרייד דאָס ליכטיקע געזאנג.
די באַן פירט חתן־כלה צוריק
צום וואַלד, צום שטיבל
מיט דער האָלצערנער בריק.
אין דער ליבע, אין איר העלן שיין,
ברענט פון גלוסטונג דער זיסער פיין.

מאַן און פרוי

דער הימל רויט און ריין
טריפט זיין גאָלדן ליכט
אויף מאָכיקן שטיין.

די ליבע גארט
אין אויסגעבענקטן געביין.
און פון די אויגן שפּארט
פון פרייד דאָס געוויין.

פון די צעווינטלטע בלעטער
קאַפּעט דער מאָרגן־טוי.
אין טיפן גראָז ליגן
פארטוליעט מאן און פרוי.

בלומען אין רויטן בלי.
אין די גלידער שטראָמט
פון גלוסטונג דער זיסער גלי.

דער פרימאָרגן אין זיין גאָלדן פייער־קלייד
טראָגט פאר זיי די לויטערע פרייד.

פּיבערדיקע ווערטער.
דער טוי טריפט
פון די גרין־שאָטנדיקע בלעטער.

די חתונה־שמחה אין זשאַקס הויז

צום הימל אויסגעשטערנט און בלוי
ציט זיך דער רויכיקער טוי.

שכנים־פאַרמער יונג און אַלט אויסגעמישט
טרינקען גרויסע, פולע גלעזער ביר
און פאַרבייסן מיט טאָמאַטן זאַפטיק, פריש.

אַרום טיש מיט עסן און געטראַנקען געגרייט
בינדט זיך די שכנישע פריינדשאַפט
אין האַרציקע, נאָענטע רייד.

בלויז די נידעריקע. דאַרע מאַדאַם לאַגו
באַקלאָגט זיך: אַז טיף אין וואַלד
פאַרגייט אָפט איר געפלעקטע קו.

אין אירע הענט זי האַלט פאַרקלעמט
אַ בלוי־געבלימלט העמד.
זי שמייכלט און לאַכט:
פאַר דער יונגער, שיינער מאַדאַם גרינבלאַט אַ מתנה
איצט אין די האָניק־טעג
עס זאָל איר וואַרעם זיין,
ווען זי שפּאַצירט אויף ווייסן וועג
פון דער טרויעריק־קאַלטער לבנה.
אַ טוץ טעלער באַמאָלן מיט אַ גרינעם בלאַט
שטעלט אַוועק איר יונגע שלאַנקע טאָכטער
מאַדמאַזעל אַגאַט.

מאַדאַם לאַוואַליע ווייזט איר געשאַנק
אַ טישל מיט אַ געפלאָכטענער באַנק.
און זשאַק און זיין מאַדאַם
מיט פנימער פריידיק־צעפלאַמט
דערלאַנגען אַ געשליפענעם שפיגל
און אַ ווייס־קיילעכדיק מילך־קריגל.
אין אַ ווינקל אויפן געפאַרבטן דיל
ליגן מתנות פאַרשיידן און פיל:
אַן אַרומגעזוימט קאָלירט פאַרהענגל,
אַ ליילעך און אַ ציך,
און אויך אַ פּאַר ווינטערדיקע
באַפוטערטע שטעק־שיך.

פאַרע־רויך פעדימט זיך
פון די שטיקער געבראָטנס, וואָס
שווימען אין דער הייסער, פעטער יויך.

טאָרטן פולע טעלער.
עס שוימען די פלעשער ביר.
אייז־קאַלט פון שטיינערנעם קעלער.

עס ברענט דער בראָנפן.
עס זיסט דער וויין.
אַלע ווינטשן דעם יונגן פּאָרל,
אַז דאָס גליק זאָל שטענדיק
אין זייער הויז זיין.

מען טרינקט. עס שאַלן לידער.
צום טאַקט פון מעלאָדיען
וויגן זיך אין הייסן טאַנץ
די גאַרנדיקע גלידער.

די פרייד וועקט אין וואַלד
די פלאַטערדיקע שטיל.

טריט שווער און מיד
וואקלען אויפן גלאַטן דיל.

אין בלויע שאָטנס אויפן שליאַך
שלאָפן די זילבערנע שטערן
פון דער שפּעטער נאַכט.

דער לאַנגער מסיו לאַגו מיטן רויטן פלעק
אויף דער רעכטער באַק
דער ערשטער ציט אראָפּ פון פערד
דעם האָבער־זאַק.

פאַרמוטער באַרוישטע פון בראָנפן און ביר
ראַנגלען זיך מיטן שלאָף אין די אויגן.
לבנה טרויעריק שימערט און שפּרייזט
אויף די הויכע היי־סטויגן.

אויסגעבעטע, איינגעשפּאַנטע פורלעך
פאָרן אויפן שליאַך
און ווערן גיך פאַרלאָרן
אין דער שטיל פון
דער ווייטער נאַכט.

יעקב און ישו

א

זון־פאַרברוינט איז דאָס געשטאַלט פון פאַרמער זשאַק.
אין וואלד, פארן ווינטער גרייט ער האָלץ מיט זעג און האַק.

מיט דער געשארפטער קאָסע גייט ער אויף דער לאָנקע,
וואָס זילבערט אין דער קאלטער פרימאָרגן־ראָסע.

קומט צום טויער פון זיין פלויט
א וואנדערער א מידער,
באגעגנט ער אים מיט פרייד און ברויט
מיט מילך און לידער,

דער יעגער בושאַר אויסגעצויגן, דאַר.
זיין בליק גרוי, שארף און שטרענג
און אין זיינע פאנג־נעצן —
די לעכלעך קליין און ענג.
אין זיין שטיבל, צווישן די בערג פארקלעמט
די כלי־זין הענגען אויף די ווענט.
זיינע האָר געדיכט און געל.
אין פרימאָרגן טראָגט ער
אויפן אַקסל די פעל.

ב

צאפלט אין ווינט א זאנגל.
וועלוולס געדאנק קלעטערט צו די געדיכטע וויטן.

ער מאָלט זיך אויס דעם געראַנגל פון יעקב און עשו,
אין דעם טונקעלן פאַרצייטן:

עשו גייט אויף פאַנג.
ער הערט אין וואַלד
דאָס פייגל־געזאַנג.

פייל און בויגן
אין האַנט אָנגעצויגן.

פאָטער יצחק אין זיין גרויס גנאָד
גיט אים היינט פון דער בכורה די ברכה.
ער ווערט היינט פאָטער און פירער
פון דער גאַנצער, גרויסער פאַסטעך־משפחה.
דער גאָט פון זיין פאָטער יצחק באַוויליקט,
און יעקב זיין ברודער וועט ווערן פאַרטיליקט.

אַרום די שטילקייט הויערט.
אפילו היינט, אין זיין געהאָפטן טאָג,
דער טרויער אין זיין האַרצן יאָגט.

יעקב זיין ברודער זיצט אין שויס פון צעדער.
יעקב, דער פאַרטראַכטער מרה־שחורה,
קאָן זיך ווידער טאָן א פעדער:
קומען פאַרן פאָטער, וואָס אין זיינע אויגן
לעשט זיך שוין דאָס ליכט,
און די ברכה פון דער בכורה
צונעמען פאַלש און אומגעריכט.

ער טאָר נישט פאַרשפעטיקן.
מיט זיין פאַנג דאַרף ער היינט
דעם קראַנקן פאָטער אָנזעטיקן,
אַרום די שטילקייט הויערט.
עשו ליגט און לויערט.

ער איז מער נישט הונגעריק און הויל.
ער שטעלט זיך פֿאָר, ווי דער פֿאָטער יצחק
אַלט אין יאָר, שפּרייט איבער אים די האַנט
און מיט דער ברכה, וואָס איז גרייט אין זיין מויל,
ער מאַכט אים פאר געוועלטער
איבערן גרויסן, פּרוכטיקן לאַנד.

ער שטעלט זיך אויך פֿאָר
דעם טרויער פון אמאָל:
זיין פֿאָטער יצחק יונג אין יאָר
גייט מיט אברהמען אין שטילן גראָזן-טאָל.
אברהם דער גרויער, גאָט-פארכטיקער זיידע,
פירט יצחקן צו דער עקדה.

מיט שטריק פון ליבשאַפט
געבונדן זענען ביידע.
פון אים טוט זיך קיינמאָל נישט אָפּ די שרעק
פון טאַטנס ליגן אויף דער עקדה.

דעם זיידן אברהמס גאָט איז נישט גרעסער
פון דער זון, וואָס לויכט מיט איר פייער-ראָד.
זיין גאָט איז ווי אַלע געטער.
ער הערשט פון נעכטן,
און וועט הערשן אויך שפּעטער.
זיידע אברהמס גאָט נקמהדיק-צערייצט,
און די וועלט מיט וואַסער ער פארפלייצט,
זיין צאָרן האָט נישט קיין צוים.
אין פייער ער פאַרברענט דאָס פֿאָלק פון סדום.

עשו ליגט און לויערט,
ער טרייבט דעם טרויער און קלערט:
עס וואַרטן טעג אָן שרעק, אָן גרויל,
ווי נאָר ער הערט די ברכה
פון פֿאָטער יצחקס מויל,

אז ער שענקט אים די גאַנצע גראָזן־ערד,
און אַז פון ראַנד צו ראַנד,
וועט זיך ציען זיין פרוכטיק לאַנד.

ג

יעקב טראַכט:
עשו איז אַ געוועלטער — אַ מענטש פון מאַכט.
מיין ברודער עשו — כ'האָב אים דערקענט:
אַ מאַן פון מלחמה, וואָס מיט שווערד
פאַרקלעמט אין האַנט וועט ער מיט זיין שפּאַן
פאַרוויסטיקן נישט איין פרוכטיק לאַנד.

עשו מיט דער האַרטער הויט
בייט אויס בכורה
פאַר אַ געקעכטס פון אַרבעס,
פאַר אַ שטיק ברויט.
צו אָפּגעטער זיינע מזבחות רויכן.
עשו מיטן לייב — אַ האַריק העמד,
דער גאָט פון די הימל־הויכן
איז אים דערווידער און פרעמד.

פאָטער יצחק האָט ליב עשון
פאַר זיין פאַנג, וואָס ער ברענגט
אים אויף אַ שטאַנג.
זיינע אויגן מיט פינצטערניש פאַרצויגן
זעען נישט, ווי עשו איז פאַרדאָרבן
און יעדן טאָג שענקט ער די אָפּגעטער אַ קרבן.

גאָט מיין באַשירעמער און רעטער,
באַוויליק, און עשוס געטער פאַרטיליק.
גרויס איז דיין גנאָד,
צו דיר זענען אונטערטעניק
אַלע שטערן, די לבנה,
און פון זון דאָס פייער־ראָד.

איך מוז דעם פּאָטער יצקחס ברכה קריגן
און עשום געטער באזיגן.
דו באשעפער, דו באשיצער פון אונדזער משפחה,
איך מוז מענטשן מאכן גלייביק,
אז דו מיין קראפט און מיין רעטער,
יעסט אייביק זיין אויף שפּעטער.

ד

יעקב אָנגעטאָן אין עשום האָריק קלייד
קריגט פון פּאָטערס ברכה די פרייד.

און עשו ליגט לאנג
ביז די געטער באגליקן אים
זיין טעגלעכן פאנג.
געבראָטן הירשן־פלייש
אויף א שטאנג ער טראָגט
פארן פּאָטער יצחק
דאָס לעצטע שפּייז־געשאנק.

עשו קומט שפּעט.
יעקב איז געבענטשט
מיט לאנד און זעט.
עשו קריגט די שווערד
און ער געוועלטיקט איבער פאָלק און ערד.
אין א פרעמד לאנד יעקב אנטלויפט
פון עשום האנט.
מיט לבנס טשערעדעס ער וואָגלט
אין היץ, אין קעלט,
אין רעגן, אין האָגל.

יעקב דער פּאסטעך ווײנט אין געצעלט.
צום גאָט פון די אבות,

צום באשעפער פון דער וועלט,
ער רעדט און ער בעט.
און צו זיינע זין זענען זיינע רייד:
אין פיין, אין פרייד,
דעם גאָט פון אברהמען זאָלט
איר שטענדיק אויסקלייבן,
און צווישן פעלקער
ער וועט אייך דערהויבן.

וועלוול טראַכט:
זשאַק און בושאַר,
זייערע שטיבלעך צווישן די בערג,
ביים שליאַך פאַרשפּאַרט.

זשאַק האָט א סאַד און א גאָרטן
ארומגענומען מיט ברעטער און דראָטן.
זיין טשערעדע ווערט נישט פארמערט
אָט דאָ אויף דער שטייניקער ערד.

דער פרומער בושאר בעט:
אז ער זאָל שטיין אויף זיינע קניען
און פון די חיות מיט די וואָרג-שטריק
אויף די האָריקע העלדזער זאָל ער לאנגע יאָרן
קאָנען די ווארעמע פעלן ארונטערציען.

איבער די בערג אין אָוונטיקן בלויען
שורות פייגל מיט צעשפּרייטע פליגל
שניידן די רויכיקע טויען.

די שטיבלעך שאָטענען ביים שליאַך.
פאַר די פארמער וועגן יעקב און עשו
דערציילט וועלוול אין א חומשדיקער שפּראַך.

האַרבסט

די לאָנקעס שמעקן מיט טרוקענעם היי
און אין האַרץ נאָגט פון בענקשאַפט דער ווײ.

ווייץ און קאָרן, קאַרטאָפל און קרויט
איינגעזאַמלט אין ברעטערדיקן שייער,
די פאַרנאַכטן רויט און קאַלט,
און דער האַרבסט מיט זיין גאָלדענעם פייער
פאַרבט די בלעטער אין וואַלד.

אויפן דאָרפישן שליאַך
נידערט דער פריער פאַרנאַכט.

אַרום טיש, צווישן ווענט נידעריק, גרוי,
מישט דער אָוונט זיין בלוי.

אין די שטילע, נאָענטע רייד
פעדימט זיך פון ליבשאַפט
פון מאַן און ווייב די פרייד,

וועלוול: כייקע, די ליבע וועט אונדז שטענדיק פירן
און מיר וועלן קיינמאָל די לויטערע בענקשאַפט
אין האַרצן נישט פאַרלירן.

כייקע: פיל דאָס האַרץ מיט האָפן,
ווייל אונדזער וועג ליכטיק, אָפן
ציט זיך צו די ווייטסטע טעג.

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום
וועלן מיר פאַרלאָזן שטיין און שטום.
מען זאָגט מיר צו אַרבעט אין שפּיטאָל פון מושב זקנים
און מירן זיך אַריינצניען אין אַ צימערל אַ שיינעם.

וועלוול: איך וועל קריגן אַרבעט ביי מיין פאַך
און ביינאַכט וועל איך גיין אויף קורסן זיך בעסער
אויסלערנען די ענגלישע שפּראַך.

שבת און זונטיק וועל איך ווידער
שרייבן מיינע לידער.
איך וויל צוגרייטן פערזן אַ פולן באַנד,
וואָס זאָלן דערציילן פון אונדזער ליבע
אין אָט דעם שיינעם, באַרגיקן לאַנד.

כייקע: דערציייל ווי אין דער ליבע,
אין איר העלן שיין,
ווערן פאַרברענט
שרעק און פּיין.

אָבער הער אַצינד וואָס איך רעד:
שרייב אויך וועגן דעם הונגער
אין די גרויסע שטעט.
זיי אויפן אָרעמאַנס צד.
ער ווייסט נישט פון קיין רו
און פון זיין אַ טאָג זאַט.

מיט אַ בלויען שאָטן לאַנג און ברייט
איז דער פּראָסטער טיש פאַרשפּרייט.
ברויט, קעז, טאָמאַטן און פלוימען,
מאַן און ווייב אין שטילע רייד
פאַרטרויען זייערע ליכטיקע טרוימען.

רויטער פארנאכט אין פארסודעטן גאָרטן,
ייט אויף די שפּיצן פון דראָטן־צוימען.
צום הימל הויך און העל
קלעטערט דער רויך פון קוימען.

פאַרוואָס

איבער די זוניקע בערג־שפּיצן
א פויגל ציט.
ארום די שטיבלעך וואָס זיצן
אויף וואַלדיקע אינדזלען
שרויפט זיך דער טייך
און לויפט נאָך וועלוולס
פאמעלעכדיקע טריט.
דורכן וועג פארפלאָנטערט
מיט דאַרן־געשפּין
וועלוול אויפגעלייגט און פרײלעך
נידערט צום דערפל, ווו
אין העלן גרין
לויכטן די נאָדל־ביימלעך.

מיטן קערבל קוילעכדיק און קליין
ער קומט אין דער דערפלדיקער קראָם אריין.
שטיקער פלייש ארויפגעצווינגן אויף א צאָם.

אויף א הוק, אין דער הויך
הענגט א קעלבל מיט אן איבערגעשניטענעם האלדז
און אָפענעם בויך.
די אויגן בלינדע שטיקלעך גלאָז,
מיט בלוט פארגליווערטע טרערן
פרעגן: פארוואָס?

וועלוול שוידערט פון דער גרויל.
אויפֿן מענטש, אויף זיינע הענט פול מאָרד,
ברענט אין מויל דער ווייטיק
פון צאָרנדיקן וואָרט.

וועלוול קערט זיך אום צום שטיבל,
וואָס רוט אין דער בערגיקער שטום.
זיינע טריט צייכענען זיך אויף זאמדיקן וועג
און ער פליסטערט און פרעגט:
פארוואָס דער מענטש, וואָס דארף זיין
דער לויכטנדיקער עמוד האש,
פארצוקט פון שאָף און רינדער
דאָס פלייש?
פארוואָס פארלענדט דער מענטש זיך אליין
אין פייער פון מלחמהדיקן גרויל
און שטעלט זיין לייב קעגן מעסער און קויל?

וועלוול נישט ער יאמערט, נישט ער שילט.
פאר זיינע אויגן שוידערט דאָס בילד:
אין קראָם אויף הוק און צאָם
הענגען פלייש־שטיקער
און אין דער הויך, אין סאמע מיטן,
גליווערט א קעלבל
מיט אן אָפּענעם בויך און מיט א האלדז איבערגעשיטן.

וועלוול מיט א הארץ פארשטאָכן מיט פיין
שפאנט אין וואלד, וואָס איז שיכור
פון הייסן, הארבסטיקן, זוניקן וויין.

אויפֿן האַרבסטיקן שליאַך

רויש און געשאַל.
עס שפּריצט
דער ווייס־שוימיקער רעגן
פֿון וואַסער־פֿאַל.

וועלוול טראַכט:
אויפֿן שליאַך צווישן בוים און שטיין
די ליבע לויטער, ריין.

דאָך איינזאַם איז דאָ זיין טראָט.
דאָס האַרץ בענקט נאָך היים און שטאָט.

מען דאַרף זיך צוריקקערן
צום רויש פֿון שטאָט
און צום שוואַרצן רויך,
וואָס קלעטערט צווישן דעכער און דראָט
צו דער הימלדיקער הויך.
דער וואַלד פֿלאַקערט אין ווינט.
פֿון די בלעטער רויט־פֿייער רינט.

אין דער שטיינערנער שטום
לויכט אין דער זון
דאָס אָפֿענע מויל פֿון דער בלום.
וועלוול אויפֿן שליאַך
זוכט פֿאַר נייעם ליד
די געשאַרפֿטע שפּראַך:

ליד לויטער, ריין
זאָל ברענגען טרייסט צו די, וואָס
פון זייערע טרויעריקע אויגן
פאלן די טרערן פון געוויין.

און פאר דער פרייהייט
פון יעדן קנעכט
זאָל דאָס ליד
גיין אין געפעכט.

אין וואלד שאָטענען שטוב און שטאָל.
אויף צעווינטיקטע ביימער שפריצט
דער שוימיקער רעגן פון וואסער-פאל.

די באַן רופט

דער זומער דורכן האַרבסט פאַרטריבן.
וועלוול און כייקע די לעצטע
אין די בערג פאַרבליבן.

דער בוים שוידערט אין ווינט.
רעגן און דאָס האַרבסטיקע, רויטע פייער
פין די בלעטער רינט.

נאַסע, פאַרכמורעטע בערג
פאַרצויגן מיט רויכן
שטאַרן מיט די שטייניקע קערק
צו די גרויע הויכן.

אין די קאַלטע, רעגנדיקע נעכט,
דאַכט זיך וועלוולען, אַז
אין די פינצטערע, פעלדזענע טיפן
שרייען ריזן אין געפעכט.
שטייען גרייט שוין צום וועג
פולע, פאַרשלאָסענע וואַליזן,
און פון דער באַרגיקער הויך
מיט געוואָי און רויך רופט די באַן:
מענטש, מיט מיר שפּאַן.
און אין דער שטאָט, אין איר פריידיקן ברויז,
שטעל זיך אויף דיין פרידן־הויז.

צו דער באַן

נאָוועמבער.
דער שניי ווינטיק, גערדיכט
זילבערט מיט זיין ווייסן ליכט.

וועלוול זאָגט:
צו דער באַן פארליבטע צוויי
פירט דער ערשטער שניי.
כייקע ענטפערט אָפּ:
מיר איז שווער
מיט די בערג זיך שיידן,
דער וואלד אין זיין טיף באהאלט
פון אונדזער ליבע
די גלוסטיקע פריידן.

שטיין, שטויב און שטאָל.
דער ווינט מיט זיין
פראָסטיקן אָטעם
פארזילבערט דאָס מויל
פון אָפענעם קוואל.

אין דער וואלדיקער — —טאָליקער טיף
סאָפּעט דער רויביקער לאָקאָמאָטיוו.

מיט רייך און רויך
איז פול דער וואַגאָן.

דער ווייסער פרימאָרגן העלט
אין אָפּענעם פעלד.

פֿון ווייסן הויז, פֿון אויבערשטן באַלקאָן
פֿאָכעט צו זיי דער ווינט
מיט דער קאָלירטער פֿאָן.
די זון בלענדט אויף די ווענט פֿון שניי.
דער לאָקאָמאָטיוו הילכט
מיט זיין יאָמער־געשריי.

די באַן לויפֿט צווישן
סלופּעס פֿאַרצויגן מיט דראָט,
און דער רויש פֿון ראָד
פֿירט מאַן און ווייב אין שטאָט.

טייטש־ווערטער

נוירסעס — קראַנקן־שוועסטערס
נוירס — קראַנקן־שוועסטער
וואַרד — אַן אָפּטיילונג אין אַ שפּיטאָל
סטאָר — קראָם
קאַסטומער — קונה אָדער קונים
אָלדקאַנטריש — אַלטפרענקיש, ווי אין דער אַלטער היים
ביזנעס — מסחר, האַנדל
אָלרייטניקעס — זיך גיך אַרויפגעאַרבעט, מענטשן גיך רייך־געוואָרענע פּאַרגרעבטע טיפּן
סוט — אַנצוג
ביוטיס — שיינהייטן
עקסטרע — רעגטגען־שטראַלן
רול — געזעץ
אַ באָרדער — אַ קוואַרטיראַנט
אָרענדזשעס — מאַראַנצן
אָרדער — באַשטעלונג
פּליעט — גאָרן (אַ וווינונג פון עטלעכע צימערן)
רום — אַ צימער
אָרענדזש דזשוס — מאַראַנצן־זאַפט
מאַראַשקענע — אייזקערס
אַ קאַר — אַן אויטאָמאָביל — אַ טראַמוויי אפילו אַ באַן־וואַגאָן
אַ באַרבער — אַ שערער
אַ טראַק — אַ לאַסט־וואָגן
טשאַריטי — צדקה
טרייען — באַמיען זיך
וועסט — מערב
פּלענטי — גענוג
טשיקן — עוף (איבערהויפּט מיינט עס אַ הון)
סיטיזענס — בירגער
פעדערעישאַן — פעדעראַציע (דאָ מיינט עס צדקה־געזעלשאַפט)
סטעף — פּערסאָנאַל
לײדיס — דאַמען
באָסעס — באַלעבאַטים
אָפּיס — ביוראָ
אַ דעליקאַטעסן־סטאָר — אַ קראָם פון געריכערטע פליישן
אָפּיקסן — אייגריכטן, איינשטעלן
לאַקזשערי — לוקסוס
פלאָר — דיל
קאַרפּעטס — טעפּיכער
פראָנט — פאָדערשטער צימער
מענעדזשער — פאַרוואַלטער
באָורד — די פאַרוואַלטונג
פּליס — ביטע, כ׳בעט דיך
וויזיטאָרס — באַזוכער
„העד־נורס“ — הויפּט קראַנקן־שוועסטער
אַ באָי — יינגל, בחור

אינהאַלט

עלנט 7

אין וואַגאָן 9
סעם האַלצמאַן 15
אין עס־זאַל 17
חלום 20
טרייסט 22
מיס אלמאַן 25
רוף פון האַרץ 28
פאַרליבט 29
דאָקטער באַנד 31
מיטן פעטריזל אין האַנט . . . 34
אייפערזוכטיק 37
פרילינג 38
דאָס ברייוול 40
די גרויסע פרייד 42

ליכט און לידער 45

טויש־חברים 47
תפילה 53
ערישטער שפּאַציר 55
עס שרעקט די שטאָט 56
טרעפונג 58
אין שולעכל 60
שטורעם־נאַכט 68
אַ בריוו צו די עלטערן 69
דעם טאַטנס בריוו 72
מיסיס גלין 74
אַ שטיינדעלע 77
מיס אלמאַן דערציילט 79
דאָס געמעל 88
אַ בריוו צו אַ חבר אין שטעטל . 90
עס וועט פּאַסירן 92

ליבע און טרויער 95

דזשאָ פערלמאַן 97
דזשאָ פערלמאַן שטאַרבט . . . 103
אין גאַנג 104
דער שערער איזי געלבער . . . 107
איזי דערציילט 113
דער גט 117
די לוויה 120
טרושטשאַנסקיס צאָרן 126
ווילי און דבורה 131

דער איינזאַמער מיסטער ברין 135

דער פאַרוואַלטער מיסטער ברין . 137
מיסטער בריגס ראָמאַן 146
מיס אלמאַן פאָרט אין שטאָט . 148
בענקשאַפט 152
מיס אלמאַנס בריוו 153
ביים פאַרמער זשאַק לעוועק . . 158
ווידער טרעפונג 160
אין שטאָט 162
שטאָט 166
צוריקגעקערט 170
ביי זשאַקס טיש 171
אָפּשאַץ 172
דעם דיכטער סאַטינס בריוו . . . 174
וועלוול ענטפערט נישט 176
אָפּן 178
הרב יוסף טרושטשאַנסקי שטאַרבט 180
אין טרויער 186
מיסיס גלין מסרט 187
מיס אַלמאַן בלייבט 190

דער ברויז פון בלוט . . . 193

מוסיס דזשעני פלאַם 195
דער מאָלער יוסף גאָרן . . . 198
האַרבסט 203
סליחות 204
די בוירס בעלי קעי 207
סיימאָן און סוזי 212
מיקי גאָלדבערג 218
צוטרוי 223
צו מסיו שאַוועליעס שטוב . . 224
גלוסט און טרוים 229
ליב און גוט 231

צוריק אין סאַנאַטאָריום . 233

געוויטער 235
א בריוו פון א רעציטאַטאָר . . 237
אָנהייב פרילינג 240
אין רויט פון מאָרגנאויפגאַנג . 244
די מומע איז קעגן שידוך . . 250
דער באַנקעט 252
געזעגנט 257
אין רבס צימער 260
די חתונה 262
מאַן און פרוי 264
די חתונה־שמחה אין זשאַקס
הויז 265
יעקב און עישו . . , . . . 268
האַרבסט 274
פאַרוואָס 277
אויפן האַרבסטיקן שליאַך . . 279
די באַן רופט 281
צו דער באַן 282
טייטש־ווערטער 284